NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 20 גראָשען

12 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 184 | Łódź, Niedziela, 9 Sierpnia 1936 | אדרעס: לאָדז, פּעטריקאָווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, זונטאָג פ' ראה כ"א אב תרצ"ו | 14-טער יאָהרגאַנג

יודישער וועלט-קאָנגרעס

נעכטען געעפענט געוואָרען אין זשענעווע

זשענעווע, 8 (יט"א טעלעגראַפיש)

אין גרויסען זאַל, וואו עס קומען פאָר די זיצונגען פון דער פעלקער-ליגע, איז פאָרגעקומען די ערעפנונג פון יודישען וועלט-קאָנגרעס. אַ גרויסע פּאָליציי-אָפּטיילונג האָט געהיטען די אָרדנונג בכדי נישט צו דערלאָזען צו אַנטיסעמיטישע איבערצידענישען.

צום קאָנגרעס זענען געקומען 300 דעלעגאַטען פון 32 לענדער. צו דער ערעפנונגס-זיצונג זענען געקומען פיל פערזענליכקייטען פון דער פּאָליטישער וועלט, דערונטער פאָרשטעהער פון סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער-ליגע און פון אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטס-אַמט.

עס זענען אויך אָנגעקומען אַ רייה בעגריסונגען פון פערשידענע לענדער, צווישען אַנדערע פון לאָרד ראָבערט סעסיל, פּראָפ. דובנאָוו און אַנד.

די ערעפנונגס-רעדע האָט געהאַלטען ד"ר סטיפען וויז און דאַן האָט נחום גאָלדמאַן געהאַלטען זיין רעפעראַט וועגען דער „לאַגע פון די יודען אין דער וועלט".

קאַמף אַרום דעם נאָמען פון קאָנגרעס.

זשענעווע, 8 (יט"א טעלעגראַפיש)

די פּועלי-ציון-דעלעגאַטען צום וועלט-קאָנגרעס פון אַלע לענדער האָבען זיך קאָנסטיטואירט אַלס אַ בעזונדערע פראַקציע.

פרייטאָג אָווענד איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער פּועלי-ציון-פראַקציע, וועלכע האָט זיך פערצויגען ביז 2 אַ זייגער ביינאַכט. עס זענען אַרויסגערוקט געוואָרען אַ רייה פאָרשלאַגען דערונטער די פאָדערונג צו ענדערען דעם נאָמען פון „יודישען וועלט - קאָנגרעס", אויף דעם נאָמען: „קאָנגרעס פון יודישע אָרגאַניזאַציעס".

די דאָזיגע פאָדערונג ווערט מאָטיווירט דערמיט, וואָס אין אַ רייה לענדער זענען נישט פאָרגעקומען קיין דעמאָקראַטישע וואַהלען.

ד"ר סטיפען וויז, יוליאַן מעק און אַנדערע האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען ענדערן דעם נאָמען פון קאָנגרעס. מען רעכענט, אַז עס וועט געלונגען צו געפינען אַן אויסוועג פון דער דאָזיגער לאַגע.

קאָמוניסטישע דעלעגאַטען זאָלען נישט צוגעלאָזט ווערען צום קאָנגרעס

זשענעווע, 8 (יט"א טעלעגראַפיש)

אין די קרייזען פון יודישען וועלט-קאָנגרעס איז צווישען אַ טייל דעלעגאַטען, הויפּטזעכליך פון אַמעריקאַ, ענטשטאַנען דער געדאַנק נישט צו צולאָזען צום קאָנגרעס די ראַדיקאַל-לינקע און קאָמוניסטישע דעלעגאַטען. בעזונדערס דערפאַר זענען די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען.

די דעלעגאַטען פון לאָנדאָנער אַרבייטער רינג זענען פאַר צולאָזען זיי צום קאָנגרעס.

זשענעווע, 8 (יט"א טעלעגראַפיש)

אַלע אַרבייטער-דעלעגאַטען אויף דעם קאָנגרעס, העכער 50 מאַן, האָבען געבילדעט אַ בלאָק, בכדי אין אַלע פראַגען אַרויסצוטרעטען איינהייטליך. די פראַגע פון די 5 קאָמוניסטישע דעלעגאַטען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו ערלעדיגען דער מאַנדאַטען-קאָמיסיע.

בעגריסונגען צום יוד. וועלט-קאָנגרעס.

זשענעווע, 8 (יט"א טעלעגראַפיש)

צווישען די בעגריסונגען, וואָס זענען געהאַלטען געוואָרען אויף דער ערעפנונגס-זיצונג פון יודישען וועלט-קאָנגרעס, האָבען צווישען אַנדערע בעגריסט אין העברעאיש אין נאָמען פון א"י-ישוב ד"ר מאָסינזאָהן, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אַז דער ישוב שטעהט פעסט אין קאַמף פאַר זיינע דערגרייכונגען.

וועגען מצב פון די יודען אין דער גאַנצער וועלט, האָט געהאַלטען אַ גרויסע רעדע שלום אַש. אַ וואַרימע בעגריסונג האָט געהאַלטען דער פּראָפעסאָר פון זשענעווער אוניווערזיטעט וויליאַם ראַפּאַרד, אין נאָמען פון זשענעווער קאַנטאָן האָט בעגריסט מ. העלער, אין נאָמען פון די פעראייניגטע שווייצאַרישע יודישע קהלות — סאַלי מייער.

דר. סטיפען וויז וועגען דער אויפגאַבע פון קאָנגרעס

זשענעווע (יט"א פרייטאָג איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פאַרן יודישען וועלט קאָנגרעס, אויף וועלכער עס זענען בעהאַנדעלט געוואָרען א רייה פראַגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּיינליכער ערעפנונג פון קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען שבת אין אָווענד.

א לעבהאַפטע דיסקוסיע האָט אַרויסגערופען די פראַגע, צי זאָל מען בלייבען ביי דעם נאָמען — יודישער וועלט-קאָנגרעס — אָדער ענדערן אויף — וועלט-קאָנגרעס פון יודישע אָרגאַניזאַציעס. די אָנהענגער פון דער נאָמען-ענדערונג פון קאָנגרעס מאָטיווירען זייער פאָרשלאָג דערמיט, וואָס אין א רייה לענדער זענען נישט פאָרגעקומען קיין דירעקטע וואַהלען און די דעלעגאַטען רעפּרעזענטירען בלויז די אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע זיי האָבען בעקומען די ענטשפּרעכענדע פולמאַכטען.

ד"ר סטיפען וויז האָט אויף א פּרעסע-קאָנפערענץ אין זשענעווע היינט אָפּגעגעבען אַן ערקלערונג, אַז דער קאָנגרעס וועט רעפּרעזענטירן מעהר ווי איין דריטעל פון אַלע יודען אין 32 לענדער.

ד"ר וויז האָט אין זיין רעדע קריטיקירט דעם מעמאָראַנדום פון די אַכט אָרגאַניזאַציעס מיט דעם יודיש-אַמעריקאַנער קאָמיטעט בראש און האָט בעצייכענט די דאָזיגע אַקציע אַלס נישט-רעכטצייטיגע.

דער יודישער וועלט-קאָנגרעס בעצוועקט נישט הויפּטזעכליך צו אַפּעלירען צו דער נישט-יודישער וועלט, נאָר ווענדען זיך צו דער פרייטער יודישער עפנטליכקייט, וועקען און מאָביליזירען איהר אַקטיוויטעט.

דער וועלט-קאָנגרעס וויל נישט שפּילען קיין ראָל פון א יודישען פּאַרלאַמענט נאָר וועט זיין א פערזאַמלונג פון פאָרשטעהער פון אַלע יודישע קיבוצים, וועלכע ווילען פאַרטיידיגען און פערשטאַרקען זייער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און בעשיצען די יודישע רעכט.

די דעלעגאַטען פון פּוילען

די דעלעגאַטען פון פּוילען צום יודישען וועלט-קאָנגרעס אין זשענעווע זענען:

פון „מזרחי" ד יה"ה: חשפ. הרב רובינשטיין, הרב פּראַוט, דאָקטאָר שטשעראַנסקי, ר"ד כהנא, אדוו. בלום, ענגעל און סקראָטשעווסקי.

פון די אַלגעמיינע ציוניסטען („עת לבנות"): רעפּ. דר. י. גאָטליב, און אינזש. מהאָן. פון גאַליציען).

פון דער פאָלקס-פּאַרטיי: אדוו. נח פּרילוצקי און רעד. ש. וואָלקאָוויטש.

פון צענטראַלען סוחרים - פעראיין: געוו. סענ. רפאל שערעשעווסקי ר. זילבערשטיין און אדוו. אַלאָמוצקי.

פון צענטראַלען האַנדווערקער - פערבאַנד: אדוו. מ. סוריץ און אדוו. ווייצמאַן (לאָדז).

פון צענטראַלען קליינהענדלער פערבאַנד ה. ניר פעלד.

פון צענטראַל - קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: רעד. מ. אינדעלמאַן און פרנס מ. קירשענבוים.

פון דער פּועלי-ציון (רעכטע): אינזש. רייס, דר. העלמאַן, שיינבוים און פיינשטיין און פון „התאחדות": ד"ר טאַרטאַקאָווער און ד"ר עלענבערג.

פון די אונפּאַרטייאישע די ה"ה: קאָנסול מאָזעס קאָהן (לאָדז), שיין (בענדין), אדוו. גלאָווינסקי (בריסק) און אַנאַטאָל פרומקין (לאָדז).

פון מזרח-גאַליציען די ה"ה: ד"ר ראָזמאַרין, רעפּ. זאָמערשטיין, ד"ר זילבערשטיין, ד"ר ק. שוואַרץ, ד"ר האַלפּערן, הרב ציטערמאַן, תאמער, דר. בובער און מגר. קאָהן.

פון מערב-גאַליציען — דר. בולינא, מ. שיינפעלד, הרב אביגדור, מ. פישער, פרוי א. אַפּט און מ. טויבער.

צוזאַמען בעשטעהט די פּוילישע דעלעגאַציע פון 45 פערזאָן

טאָג - טעגליך

דייטשע דעמאָנסטראַציע

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט שוין בעקומען דעם פאָרמעלען ענטפער פון איטאַליען און ענגלאַנד אויף איהר נאָטע וועגען דער פראַגע צו ערקלערען א ניטראַליטעט אין די שפּאַנישע ענינים. אין שייכות דערמיט האָט די פראַנצויזישע רעגירונג שוין אי בערגעשיקט די פאָראינטערעסירטע מלוכות דעם טעקסט פון דער דעקלאַראַציע וועגען נישט מישען זיך אין שפּאַנישען בירגער-קריג.

ווי מען זעהט, געהט איצט די פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטישע אַקציע אין א געוואַלדיג שנעלען טעמפּא. די פראַנצויזישע רעגירונג איילט זיך, ווייל זי האָט מורא, אז זי זאָל נישט געשטעלט ווערען פאַר א געשעהענעם פאַקט און דאָס ווידער דורך דעם היטלער-דייטשלאַנד. ווייל פון די אַלע מלוכות, וואָס האָבען פערזאַמעלט זייערע פלאָטען אויף די שפּאַנישע וואַסערן, ווייזט אַרויס די גרעסטע אַקטיוויטעט דער דייטשער פלאָט, און ווי צום שלימזל פּאַסירט צופאַלען דווקא מיט דייטשע בירגער פון שפּאַניען.

עס איז דעריבער פערשטענדליך די אונרוהיגקייט וואָס עס רופט אַרויס דאָס פאַרען זיך פון די דייטשע קריגס-שיפען אין די שפּאַנישע פּאָרטען, וועלכע זענען פערנומען דורך די אויפשטענדיגע. איבעריגענס האָט זיך שוין די שפּעטליכקייט דערוואוסט וועגען דעם שאַכער-מאַכער, וואָס עס פיהרען די היטלער-אַגענטען מיט די שפּאַנישע פאַשיסטען. עס איז נעמליך בעקאַנט געוואָרען דער פּרייז, וואָס דייטשלאַנד פאָדערט פון די אויפשטענדיגע פאַר איהר הילף און נעמליך די שפּאַנישע קאָלאָניע אין צפון אַפריקא, ריאָ דעל אָראָ.

די לעצטע ידיעות פון שפּאַניען מעלדען אַז אין פּאַרצעלאָנאַ זענען דערשאָסען געוואָרען 4 דייטשע בירגער, א חוץ דעם איז בעת הגם באָמבאַרדירען דורך דעם רעגירונגס - פלאָט א פּאָרט פון די אויפשטענדיגע אויך געטראָפען געוואָרען א דייטשע קריגס שיף, וועלכע האָט זיך געפונען אין פּאָרט. די דייטשע פרעסע האָט אין שייכות דערמיט אויפגעהויבען א געוואַלדיגען טומעל און די דייטשע רעגירונג האָט שוין אָנגעקינדיגט, אז זי וועט זיך אין דעם פאַל נישט צופרידענשטעלען מיט בלויזער ענטשולדיגונג.

ווי מען זעהט, איז די פּסיכאָלאָגישע צוגרייטונג צו א פּוטש מצד היטלער-דייטשלאַנד שוין פאַרהאַן און זי קען אַליין נישט וויסען, וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט ברענגען. דעריבער איז אויך פערשטענדליך די שטייגענדע בעאונרוהיגונג, וואָס דער שפּאַנישער בירגער-קריג האָט אַרויסגערופען נישט בלויז אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין ענגלאַנד, וואו אין אָנהויב האָט מען זיך אפילו געוואַונטשען א זיג פון די אויפשטענדיגע.

ש.

אונזער וואָרט

ערשטער יוד. וועלט-קאָנגרעס

שטיל, אָהן רעש, כמעט ווי אונבעמערקליך קומט זיך צונויף אין זשענעווע דער יודישער וועלט-קאָנגרעס. דער דאָזיגער קאָנגרעס, וואָס יאָהרען האָבען געמוזט פערגעהן ביז ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען פון וואָרט אין טאַט, און אויף וועלכען די יודישע מאַסען בעזונדערס אין קיבוצים פון מאַסען-שנאה און מאַסען-רדיפות האָבען געלעגט אַזוי פיל האָפנונגען.

אַז דער קאָנגרעס איז נישט געוואָרען דאָס, וואָס מען האָט פון איהם ערוואַרט, און צו וואָס מען האָט געשטרעבט, איז שוין איצט א זיכערער פאַקט. דאָס איז אין דער ערשטער רייה א רעזולטאַט פון דעם פאַקט, וואָס גרויסע טיילן פון יודישען פאָלק האָבען דעם קאָנגרעס באָיקאָטירט און זיך אין איהם נישט בעטייליגט.

און דאָך איז דער ערשטער יודישער וועלט-קאָנגרעס א געשעהעניש פון ערשט-קלאַסיגער וויכטיגקייט אין אונזער יודישען לעבען. צום ערשטען מאָל אין דער יודישער געשיכטע ווערט געמאַכט דער פּרוב צו פעראייניגען, דאָס איבער דער גאַנצער וועלט צוזייהטע און צושפּרייטע יודענטום, צו איינהייטליכער אָרגאַניזאַציע צום צוועק פון זעלבסטשוץ און זעלבסט הילף. צום ערשטען מאָל וועט — דורך דעם יודישען וועלט-קאָנגרעס — אָנערקענט א פּרוב אַריינצופיהרען סיסטעם און פּלאַנמעסיגקייט אין די אַלע אַקציעס, וועלכע דאָס יודענטום איז געצוואונגען אונטערצונעהמען אין שוץ פון די בעדראָהטע יודישע רעכט און צום אָפּוועהר געגען דער מאַטעריעלער עקסטערמינאַציע פון די יודישע מאַסען אין די לענדער פון מיטעל און מזרח-איראָפּאַ.

דער יודישער וועלט-קאָנגרעס, וועלכער איז זיך איצט צונויפגעקומען אין זשענעווע וועט געבען דער פערטיידיגונג געגען דעם פערניכטונגס-קאַמף געגען דעם יודישען פאָלק, וואָס איז איצט אָפיציעל, אָדער האַלב-אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרען אין א רייה לענדער, אויך שטרעבען צו אָרגאַניזירען די יודישען מאַסען, און וועט אויך נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע פון איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזאַציע וואָס איז לעצטענס געוואָרען ממש א לעבענס-נויטווענדיגקייט.

און דעריבער ווילען מיר האָפען, אַז דער היינטיגער קאָנגרעס וועט זיין דער ערשטער און א ווייטערער שטיין צו דער נייער אָרגאַניזירונג פון דעם יודישען פאָלק אין גלות, אַז יעדער ווייטערער קאָנגרעס וועט וואַקסען אין אַנזעהן און מאַכט און אַז ער וועט בעוויזען צו זאַמלען אַלס גרעסערע טיילען פון יוד. פאָלק צוזאַמען אַרום זיינע אידעען און אויפגאַבען ביז — ער וועט ווערען דער איינציגער און פּאָליטישער לעגיטימער רעפּרעזענטאַנט פון גאַנצען יודישען פאָלק.

פ.

קלאַנגען וועגען ענדערונגען אין דער רעגירונג

וואַרשאַ, 8 (טעלעפאָניש)

אין דער לעצטער צייט האָבען זיך ווידער פערשפּרייט קלאַנגען וועגען וואַהרשיינליכע ענדערונגען אין דער רעגירונג, וואָס זאָלען פאָרקומען שוין אין דער נאָהענטסטער צוקונפט. די דאָזיגע קלאַנגען שטאַמען פון די לינקע סאַנאַציע-קרייזען, בעזונדערס פון די אַזוי-גערופענע „נאַפּראַ י. טשעס". זיי ווערען געשטעלט אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעהענישען פון 15 אויגוסט. מען דערצעהלט, אַז אין פאַל, ווען די מאַניפעסטאַציעס, וואָס יעדען אָרגאַניזירט דורך דער דאָזיגער גרופּע זאָלען אויספאַלען אימפּאָזאַנט, וועלען די אָנפיהרענדע קרייזען אָנבינדען אַן ענגערען קאָנטאַקט מיט דער דאָזיגער גרופּע ווי ביז איצט. מען ווייזט אפילו אָן, אַז ביי דער נאָהענטסטער רעקאָנסטרוקציע פון קאַבינעט, וואָלט די דאָזיגע גרופּע בעקומען צוויי טעקעס און נעמליך דירעקטאָר קוזשקאָווסקי וואָלט איבערגענומען די טעקע פון אינערן-מיניסטער און סענאַטאָר אַלעווינסקי די טעקע פון עפענטליכען שוץ.

צוויי יודישע געשעפטען אין קאַטאָוויץ צושטערט פון א באָמבע-אויפרייס

קאַטאָוויץ, 8. (טעל.)

נעכטען אַרום 2 אַ זייגער ביינאַכט, זענען די איינוואוינער אויף דער קאָנאַנאָווסקע-גאַס און די אַרומיגע גאַסען אויפגעוועקט געוואָרען פון א שטאַרקער דעטאָנאַציע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז פאַר'ן זייגער-מאַכער-געשעפט פון אהרן קראַקאָווסקי אויף דער קאָנאַנאָווסקי 11 אויפגעריסען א באָמבע, וואָס האָט פולשטענדיג פערניכטעט די איינאָרדנונג פון קראַקאָווסקי'ס געשעפט און פון שכנישען הישען-געשעפט פון מלכה קראַקאָווסקי.

וועגען דער קראַפט פון אויפרייס זאָגט עדות דער פאַקט, אַז אין איינע שכנישע הייזער זענען אַרויסגעפאַלען די שויבען און די אייזערנע קראַטעס פון קראַקאָווסקי'ס געשעפט זענען אַ-ויסגעריסען און אויסגעדרעהט געוואָרען. דער שאָדען איז זעהר גרויס.

די פּאָליציי זוכט די שולדיגע. עס זענען אַדורכגעפיהרט געוואָרען איינע רעוויזיעס ביי די היגע טוער פון דער אויפגעלעזטער ענדעקישער פּאַרטיי.

נאכט־פאגאטאוויע „לינת־הצדק" לאדז, צעגעלניאנא 17

טעל. 115-11

הייבט, זונטאג, דעם 9־טען שערפיען ד. י., 4 אַ זייגער נאכמ. קומט פאר אין

פארק „העלענאוו" אַ גרויסע גארטען־פערוויילונג

לטובת די נאכט־פאגאטאוויע „לינת־הצדק"

לאלא פאלמאן — אין איהר נייעסטען רייכען רעפערטואר

כאראקטעריסטישע טענץ — ב. ליבאוויטש. / אַ גרויסע פאנטאן־לאטעריע. אילומינירטער גארטען / פערשיד. איבראשונגען / רייכער בופעט.

ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. סטוועריין פיוטרושקא.

3 אַ זייגער נאכמיטאג קומט פאר אַ קינדער־פעסטיוואל אונטער דער לייטונג פון JAN MROZINSKI

בעמערקונג: דער אריינטריט אויפ'ן קינדער־פעסטיוואל איז פאר קינדער און דערוואקסענע 54 גר.

בילעטען צו בעקומען אין דער גזו. „לינת הצדק", אין קולטור־ליגע (זאכאדניע 68), אין דער בארעכאוו־ביבליאטעק (על. קאשטשושקי 9) און ביי דער קאסע פון „העלענאוו"

די לעצטע מאדערנע זומער־שיר

ווי אויך א גרויסער אויסוואהל פון

פלעטשאנקעס

בעקומט מען נאר ביי

בעמ.: א ספעציעלער אויסוואהל פון מענער־פלעטשאנקעס!

A. Ogórek Łódź, Zawadzka 11

— tel. 202-86 —

בעקאנטמאכונג.

ביי דעם פענסיאנאט

„ואהבת לרעך כמוך"

אין ווילשביאווא־גורא (ווילא גליקזאן)

וואס איז געשטעלט אויף זעלבסטקאסטען־פרייז אהן יפּו פערדינסט, מיט בעשפייזונג 5 מאל טעגליך, מיט בעדינונג, ווערן געעפענט א בעזונדערע אפטיילונג פאר פרויען אויף דיזעלבע בעדינגונגען ווי ביי מענער.

איינשרייבונגען ביי ה' ברוך געלבארט, ווישניאוויע־גורא, ווילא גראס, וכל הקודם זכה.

ברוך געלבארט.

הכרושה.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אנאנס אין „נייעם פאלקסבלאט" פון 7 אויגוסט ד. י. פון א געוויסען לייב גוטוויל בושעזשינער 13, אז ער האט כלומרשט ביי מיר געקויפט א קעסטעל עפעל, ערקלער איך פאר דער עפענטליכקייט, אז עס איז א בפירושער ליגען. אמת איז, אז איך האב ביי איהם געמאהנט א חוב, וואס מיר קומט פאר סחורה און אנשטאט צו בעצאהלען, האט ער מיך עקסטרע פערעפענטליכט אין דער צייטונג, כדי צו שעדיגען מיין גוטען נאמען. צוליב דעם ציה איך איהם צו צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

יעקב ראזענבערג, בושעזשינער 2.

סל מלא, ברכות ודבבי הצלחות יגיע לכי ידידי מר יחיאל גאלדבערג נ"י ורעיתו תחיי לינס שמחתכם הוא שמחת בר מצוה של בנם שרגא דוב נ"י שתהיי היום. ויהי רצון שתזכו לשבוע ממנו רוב טוב ונחת על הרי יהודא וירושלים.

המברכים מעומק לבנו צבי זאב ובנו ליבל מערקאן

לאדז, א' ראת תרצ"ו

די שווערגעטראפענע פאמיליעס

רובינשטיין און פאבישעוויטש

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכע

נ"ע צביה רובינשטיין

(געב. פאבישעוויטש)

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

פאמיליע פאבישעוויטש (בעלגיען)

געדענקט, שטשעשליווי

ביי

א גרויסער אויסוואהל פון אריגינעלע בילליגער און טאמאשאווער סחורות אויף אנציגער און פאלטענס

פון די בעסטע קוואליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך!

R. Szczęśliwy

לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5

טעל. 156-09.

געדענקט פראנט II שטאק.

דאס קאנצעסיאנירטע עקספעדיציאנס־הויז

R. SOBOL, Piotrkowska 6,

tel. 153-96, 242-70

מאכט בעקאנט, אז נאך דער ערעפענונג פון די אפטיילונגען אין קראקא און אין ווארשא האב איך ערעפענט ד. 1 אויגוסט ד. י.

נייע אפטיילונגען

אין פאלגענדע שטעט: קאוועל, לוצק, ראוונע, בריסק (ביים בוג) און אומגעגענד, וואו ס'ווערט יעדער קוואנטום סחורה טעגליך פינקטליך צוגעשטעלט מיט איינענע לאסט־אויטאס.

אלע סחורות זיינען אסעקורירט אין דער אסעקוראציע־געזעלשאפט „Polonja" לויט דער יעהרליכער פאליסע № 30371 פינאנסיעלע מיטהילף ביים איינקויף.

די לאגערן אויפ'ן ארט זיינען בעזונדער אסעקורירט געגען פייער און גנבה אין דער אסעקוראציע־געז. Warszawskie Tow. Ubezpieczeń

מיט אכטונג

R. SOBOL עקספעדיציאנס־הויז

אכטונג, הויז־בעזיצער!

ווען איהר רעמאנטירט אייערע הייזער אדער וואוינונגען, געדענקט, אז דאס אלטע פארבען און כעמיקאליען־געשעפט א.ס.

„ל. ה. בערגער"

לאדז, דרעווונאווסקא 5, טעל. 39-33

איז ווידער געעפענט און ווארט די קונדשאפט צופריעדען שטעלען.

בעמערקונג: צעמענט אויף לאגער.

לעכער

ווערען אויסגענייט ביליג ביי ג. נארדמאן שרודמיעסקא 8

ברכת מז"ט

לידידינו אברהם שו"ב מטומשוב לאירושיו עם נכדת ר' בונם ז"ל שו"ב מקונסק.

אחים האלשטיק.

וויכטיג פאר ברוך־קראנקע

(רופטורען) זאווי פון פערקרימונגען פון רוקען ביי (הויקערס), פאראליזשען, ביין־שווינדזוכט, פלאטפיס און פערשידענע אנדערע פערקריפלונגען־ליידענדע.

פאר פערשידענע ארט רופטורען פערעלטערטע און די געפערליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער ספעציעלע ארטאפעדישע הייל־באנדאזשען לויט מיין מעטאדע היילן און בעזייטיגען ראדיקאל יעדן איינציגן ברוך.

ביי מאגען און קישקע · זענקונג ספעציעלע אינדיווידועל צוגעפאסטע לייב־הייל־באנדאזשען.

פאר הויקערס ספעציעלע קארסעטען און גליכהאלטערס.

געגען ביין־שווינדזוכט ספעציעלע ארטאפעדישע אפאראטען פון אלע סיסטעמען.

געגען שמערצענדע פלאטפיס ספעציעלע ארטאפעדישע איינלאגען לויט גיפס־מאדעלען.

געגען קרומע אדערן ספעציעלע גומי־שטרימפ לויט מאס.

קינסטליכע הענד און פיס

ספעציעלע הייל־ארטאפעדישע אנשטאלט

ספעצ. ארטאפעד

א. פעטריקעוויטש, לאדז

9 פיראמאוויטשא 9, טעל. 177-09 (פריהער אלגינסקא)

אכטונג! קראנקע מוזען זעלבסט ערשיינען.

טויזענטער דאנקזאגונגען קענען בעוויזען ווערן

DR. MED.

L Pikielny

אוראלאג־כירורג

ספעציאליסט פאר נירען, בלאזען און אורין־קראנקהייטען

NAWROT 8, tel. 219-90

נעהמט אן פון 4—7 נאכמיטאג

צוריקגעקעהרט.

Dr. B. Windzberg

CHIRURG

przyjmuje od 1—3 p. p.

Piłsudskiego 15

tel. 206-75.

Dr. med.

Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פאר נירען בלאז און אורין־קראנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95.

נעמט אן פון 9-11 און פון 6-8 אווענט.

Dr. med.

A. Banasz

כירורג · אוראלאג

האט זיך איבערגעצויגען אויף

Piotrkowska 121, tel. 139-88.

נעהמט אן פון 4—6 נאכמיטאג.

Dr.

Wajnberg

צוריקגעקעהרט

ספעציאליסט פאר לונגען, האַרץ און סקלעראז קראנקהייטען

145 פיעטריקאווער

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9-10 פריה, 3-5, 8-9 אוו.

Dr. med.

M. GLAZER

ספעציאליסט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

ZACHODNIA 64, tel. 185-49

נעהמט אן פון 12—2 מיטאג און פון 7 ביז 8.30 אווענד.

זונטאג און תנאות פון 10—12 בייטאג.

Dr. I. Piechowicz

ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען

פערהיטונג געגען שוואנגערשאפט

שרודמיעסקא 18, טעל. 107-79

נעמט אן פון 8—10 פרי און פון 3—7 אוו

DR.

J. Neuman

CHIRURG

צוריקגעקעהרט

Zachodnia 57.

Mgr. Praw

Ludwik Goldkorn

Tłumacz Przysięgły

dla języków:

niemieckiego

hebrajskiego

i żydowskiego

Al. I Maja 9, tel. 114-50

przyjmuje od 11—2 pp. i od 4—7 w.

אויערן, נאז און האלז און לונגען־קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פיעטריקאווער 67. טעל. 127-81

נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. אז. וו. ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9-2 און פון 4-8 אווענט.

ביי דער קליניק איז טעטיג

א רענטגען־קאבינעט

פאר דורכלייכטונגען און אלערליי פאטאגראפיעס

Dr. med.

M. TAUBENHAUS

צוריקגעקעהרט

ספעציאליסט

פאר אקושעריע און פרויען קראנקהייטען

פערהיטונג געגען שוואנגערשאפט

נאַרושער 11, טעלעפאן 246-09

נעמט אן פון 8—9 פריה און פון 4—8 אוו.

ערב דעצידערענדע קאמפ!

דער שפּאנישער בירגער-קריג איז פולער ברען. —
ביידע צדדים גרייטען זיך צו אפענסיוועס

פּאַריז, 8 (ספּ. טעל.)
די ידיעות, וואָס קומען אָן פון שפּאַניען זאָגען אָן אַ שנעלע אָפּענסיווע פון ביידע צדדים. די מאַדרידער רעגירונג האָט בדעה אָנצוהויבען אַן־אָפּענסיווע אויף די באַלעאַרישע אינזלען. אין דער אָפּענסיווע זאָלען זיך בעטייליגען 13,500 מאַן, וואָס זענען פּערזעהען אין אַ געהעריגער צאָהל מאַשי־נען־געוועהרען. די עקספּעדיציע וועט בעגלייט ווער־רען פון דריי אונטערוואַסער־שיפלעך, צוויי קאָנטר־טאָרפּעדאָ־שיפען און 11 הידראָפּלאַנען.
די אויפשטענדיגע ווידער זאָגען אָן אַ מאַרש אויף מאַדריד. וועלכער וואָלט אַזוי אַרום געיועז בעדראָהט גלייכצייטיג פון דרום און פון צפון דער־וויילע זאָלען די אויפשטענדיגע האָבען פערנומען באַדאַיאָ. די ידיעות, וואָס קומען אָן פון דער הויפּט־קוואַרטיר פון די אויפשטענדיגע אויף צפון, זאָגען אָן אַ דעציד־רטען אַטאַק אויף דער פּראָווינץ קוויפּאָזקאָאַ. די ביד־איצטיגע כוחות פון די אויפ־שטענדיגע ווערען פערשטאַרקט דורך אָפּטיילונ־גען, וואָס ווערען געשיקט פון בורגאָס.

גיבראַלטאַר, 8 (ספּ. טעל.)
לויט די לעצטע ידיעות האָבען זיך די קלאַנ־גען, אַז קאַדיקס האָט זיך אונטערגעגעבען, נישט בעשטעטיגט. דאָס רעגירונגס־מיליטער פון מאַ־לאַגאַ האָט בדעה צו פערנעהמען אַלזשעסיראַס און לאַ ליגעאַ אין משך פון זונטאָגדיגען טאָג. די פּאַנצער־שיף „דזשעם פּראמבא" האָט אַ שטאַר־קע אָפּטיילונג, וואָס איז גרייט זיך אַראָפּצוזעצען.

גענעראַל פראַנקאַ שיקט אולטימאַטומס

לאָנדאָן, 8 (ספּ. טעל.)
„סונדעי דיספּעטשי" מעלדעט, אַז גענעראַל פּראַנקאַ, דער הויפּט-אַנפּיהרער פון די אויפשטענ-דיגע האָט אַרויסגעשיקט צו דער אינטערנאַציאָנאַ-נאַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע אין טאַנזשער אַן־אולטי-מאַטום, וואָס פאָדערט אַז די קריגס-שיפען פון דער שפּאַנישער רעגירונג זאָל זיך אין משך פון 48 שעה צוריקציהען, אין געגענפאַל לאָזט ער זיך איבער דאָס רעכט אַרויסצוגעבען די נויטיגע פער-אָרדנונגען, בכדי צו בעזייטיגען די דאָזיגע שיפען מיט כוח.

באַרדירונג דורך די רעגירונגס-שיפען, נעהמט מען אָן, אַז זיי זענען צושטערט געוואָרען. דער אַנ-גריף אויף אַלזשעסיראַס זאָל געפּלאַנט ווערען אויף היינט נאָכמיטאָג. אין אַטאַק זאָל זיך בעטייליגען דאָס רעגירונגס-מיליטער, וואָס געהט פון מאַלאַגאַ, ווי אויך שיפער-אָפּטיילונגען, וואָס זאָל אַראָפּגע-זעצט ווערען פון דער שיף „דזשעם פּרימאַ".

דערשאָסען 500 אויפ־שטענדיגע

באַרצעלאָנאַ, 8 (ספּ. טעל.)
אין פּאָרט, מאַהאָן אויף מינאָרקאַ האָבען זיך צובונטעוועט 500 אַרעסטירטע אויפשטענדיגע. מען האָט זיי דערשאָסען. דערונטער איז: אַדמיראַל.
לויט ידיעות פון אַראַגאָנישען פראָנט האָבען די אויפשטענדיגע, נאָכדעם ווי די רעפּובליקאַנער האָבען פערנומען סאַסטאַגאַ. פערלאָזען די ישובים צינקאַ, אַליוואַס, אַלפּאַנקע און ווערלילאַ. דאָס רע־גירונגס-מיליטער האָט פערנומען די עלעקטראָווניעס אין סאַסטאַקאַ און אַלבאַלאַטע.

וואָס מעלדען די אויפ־שטענדיגע

ראַבאַט, 8 (ספּ. טעל.)
די ראַדיאָ־סטאַציע אין סעוויל האָט היינט פּער־עפּענטליכט אַ קאָמוניקאַט אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אַז די ידיעות פון מאַדריד זענען נישט אמת. צאָהלרייכע מיליטערישע אָפּטיילונגען מאַר־שירען אויף מאַדריד. די רעגירונג אין בורגאָס (אויפשטענדיגע) האָט איצט אַ שטאַרקען לופט־פלאָט. דאָס מיליטער פון באַרצעלאָנאַ, וואָס מאַר־שירט אויף סאַראַגאָסאַ, ווערט אָנגעפיהרט דורך עטליכע מיטגלידער פון דער מיליץ. אַ זעהר שטאַרקע מיליטערישע קאָלומנע איז אָנגעקומען פון מאַראָקאָ און בעדראָהט מאַלאַגאַ. גראַנאַדאַ פערטיידיגט זיך ווייטער.

די אויפשטענדיגע זאַמלען זיך אין מאַראַקאָ

קאַזאַבלאַנקאַ, 8 (ספּ. טעל.) קיין צעאוטאַ קומען אָן פון גאַנץ שפּאַניש מאַראָקאָ אָפּטיילונגען פון דעם פרעמדען-לעגיאָן און פולקען פון די איינגעבוירענע. דאָס מיליטער ווערט אויפ-געלאָדענט אויף די שיפען מיט בעדייטענדע זא-פּאַסען אַמוניציע און אַ סך האַרמאַטען. איבער'ן פּאָרט און אין שכנות קרייזען כסדר אַעראָפּלאַנען פון די אויפשטענדיגע.

אַלזשעסיראַס אין פלאַמען

טאַנזשער, 8 (ספּ. טעל.)
דעם גאַנצען נעכטיגען טאָג האָבען די קרייצער שיפען פון רעגירונגס־פלאָט בעשאָסען אַלזשעסיראַס. אַ סך בנינים זענען צושטערט געוואָרען. אין דער שטאָט זענען אויסגעבראָכען שרפות. ווי עס שיינט האָבען די קוילען געטראָפען אין די בענזין־מאַגאַ-זינען. די פּאָרט־מאַגאַזינען שטעהען אין פלאַמען.

גענ. פראַנקאַ הויפּט-אַנפיה-רער אין דרום-שפּאַניען

פּאַריז, 8 (ספּ. טעל.)
פון ליסאַבאָן מעלדעט מען, אַז נעכטען נאָכ-מיטאָג איז געקומען מיט אַן־אַעראָפּלאַן פון טע-טואַן קיין סעווילא גענעראַל פראַנקאַ, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטען מיט'ן הויפּט־אַנפיהרער אויפ'ן דרום-פראָנט גענעראַל קוועיפּא דע ליאַנאָ אַ לענ-גערע בעראַטונג. אין דער בעראַטונג איז פעסטגע-שטעלט געוואָרען דער טעטיגקייטס־פּלאַן אויף די נאָהענטסטע טעג.

ליסבאָן, 8 (ספּ. טעל.)
גענעראַל פראַנקאָ האָט איבערגענומען די אָנ-פיהרונג מיט די אויפשטענדיגע אין דרום־שפּאַניען.

דאָס פערמעגען פון די קיר-כען און קלויסטערס ווערט קאָנפיסקירט

פּאַריז, 8 (ספּ. טעל.)
פון באַרצעלאָנאַ מעלדעט מען, אַז די קאַ-טאַלאָנישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ לויט וועלכען דאָס גאַנצע פערמעגען פון די קיר-כען און קלויסטערס ווערט קאָנפיסקירט. דאָס גע-זעץ זעהט אויך פאָר די קאָנפיסקאַציע פון פערמע-גען פון די פעריזאָנען, וועלכע האָבען אין וועלכער כער עס איז פאָרם אונטערשטיצט די אויפ-שטענדיגע.

דייטשלאַנד זאָל אַראָפּזעצען מיליטער אין שפּאַניען?

גרויסע בעאונרוהיגונג אין פראַנקרייך

פּאַריז 8 (ספּ. טעל.)
אַ גרויסע בעאונרוהיגונג האָט אַרויסגערופען אין פּאַריז די אינפאָרמאַציע פון אייניגע צייטונגען, [illegible] סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זאָל האָבען געוואָרענט די [illegible] רעגירונג, אַז היינט וועט פערקומען [illegible] פלאָט פאַר'ן פּאָרט אין באַרצעלאָנאַ. צוליב די דאָזיגע ידיעות, האָבען זיך אין די צייטונגען בעוויזען קלאַנגען, וועגען דער מעגליכקייט, אַז עס זאָלען אין באַרצעלאָנאַ אַרויסגעזעצט ווערען דייטשע מאַטראָסען, אָדער עס זאָלען איבערגעריסען ווערען די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען צווישען מאַדריד און בערלין. מען האָט אויך מורא געהאַט, אַז די דייטשע רעגירונג קען זיך בעשליסען אָפען אונטערצושטיצען די אויפ-שטענדיגע.
די דייטשען אין שפּאַניען האָבען איבעריגענס געזוכט אַ פּרעטעקסט — שרייבט די „עוור" — איבערצורייסען די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען. אַ בעוויז דערצו איז דער פאַקט, אַז די מאַדרידער רעגירונג איז געווען געצוואונגען נעכטען צו מאַכען אַ דעמאַרש אויף דער ווילהעלם-שטראַסע, מיט דער פאָדערונג אָפּצורופען דעם דייטשען קאָנסול פון סאַנ טאַן דער, וועלכער האָט צו אָפען אונטערשטיצט די אויפשטענדיגע. די אַקציע פון די דייטשען אין שפּאַניען — שרייבט די צייטונג — ווערט גע-פיהרט אין פערשטענדיגונג מיט איטאַליען.
די דאָזיגע אַלאַרמיסטישע שטימונגען זענען אָבער געענדערט געוואָרען נאָך דעם ווי עס זענען מאַרשיפֿין, פון לאָנדאָן אינפאָרמאַציעס וועגען דע[illegible] האָבען פערזיכערט וועגען דער דייטשער שטעלונג. דורך אייניגע קרייזען איז אָבער די אַפּלייקענונג פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע בעטראַכט פאַר נישט גענוגענד.

פראַנקרייך וועט זיך לאָזען פרייע הענד
אויב איהר אקציע וועט נישט געלונגען

פּאַריז 8 (ספּ. טעל.)
האוואַס פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט, אין וועלכען עס ווערט אַרומגערעדט די פראַנצויזישע אַקציע וועגען דער נייטראַליטעט-ערקלערונג אין די שפּאַנישע ענינים און עס ווערט אָנגעוויזען, אַז אין פאַל ווען אַ מלוכה וועט זיך אָפּזאָגען צוצוטרעטען צום אָפּמאַך וועט די רעגירונג האָבען פרייע הענד

פראַנצויזישע אַקציע פון נייטראַליטעט-ערקלערונג טרעפט אַז אויף שוועריגקייטען

בערלין, 8 (ספּ. טעל.)
לויט נישט אָפיציעלע אינפאָרמאַציעס קומען פאָר אין קאַבינעט אויספיהרליכע געשפּרעכען אי-בער דער טעמע פון ענטפער אויף דער פראַנצויזי-שער נאָטע וועגען נייטראַליטעט פון דער שפּאַנישער פראַגע. גלייכצייטיג ווערט אויפגעהאַלטען מצד דייטשלאַנד אַ קאָנטאַקט מיט די אַנגעוועטע אין בערלין פראַנצויזישע, בריטישע און איטאַליענישע מאַסגעבענדע פּאָליטישע פאַקטאָרען, בכדי צו פער-אייניהייטליכען די פאָרמולע פון דער געמיינזאַמער דעקלאַראַציע. דאָס טרעפט אָבער אָן אויף שוועריג-קייטען, ווייל אייניגע מלוכות ווילען שוין פון פאַר-אויס, אַז דער בעגריף פון נישט מישען זיך אין די איבערליכע ענינים, זאָל זיך בעציהען נישט נאָר אין נישט ליפערן געוועהר נאָר אויך אין נישט ערטיילען סינאַנציעלע הילף און פּראָפּאַגאַנדע אַקציע.

לופט - אַנגריף אין מאַדריד

מאַדריד, (ספּ. טעל.)
נעכטען אַרום 11 אַ זייגער איז דאָס גאַנצע ליכט אין דער שטאָט אויסגעלאָשען געוואָרען, אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון ינים-מיניסטער, די בעוועגונג פון די טראַמוואַיען און אויטאָס אויף די גאַסען איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען אין דער שטאָט, די אונטערגרונד-באַהן הערט אויף צו קורסירען 11 אַ זייגער אין אָוונד, אָבער די אַריינגאַנג אין די טונעלען בלייבען אָפען, בכדי די בעפעלקערונג זאָל זיך קענען דאָרט אויסבעהאַל־טען, ווי נאָר עס וועלען זיך בעווייזען אַעראָפּלאַ-נען פון שונא וועט די בעפעלקערונג אַלאַרמירט ווערען דורך די פייערלעשער, די איינוואוינער פון די אויבערשטע שטאָקען דאַרפען זיך בעהאַלטען אויף די נידריגע שטאָקען און אַפילו אין די קעלערס.

קאָנצענטראַציע פון די דייל-טשע שיפען ביי די שפּאַ-נישע ברעגעס

בערלין, 8. (ספּ. טעל.)
ביי די מזרח'דיגע ברעגעס פון שפּאַניען גע-פינען זיך אַ הויף אַ רייהע קלענערע דייטשע שיפען. די שיפען „אויקערמאַרק", „פולדאַ", „באַרדען", „אלדענבורג" און „ניאָסאַ". די דאָזיגע שיפען זאָ-לען דינען צו דער עוואַקואַציע פון די דייטשען און אַנדערע אויסלענדער פון שפּאַניען.

פאַר דעם אַנגריף אויף אַלזשעסיראַס

גיבראַלטאַר, 8 (ספּ. טעל.)
צוליב דעם, וואָס די באַטעריען פון אַלזשע-סיראַס האָבען נישט געענטפערט אויף דער באָמ-

א געשפּרעך מיט'ן שפּאַנישען פּרעמיער וועגען די פּלענער פון דער רעגירונג

אַ פּוילישער זשורנאַליסט האָט געהאַט אַ גע-שפּרעך מיט'ן שפּאַנישען פּרעמיער זשיראַל. דער קאָרעספּאָנדענט האָט איהם געשטעלט פראַגען, אויף וועלכע דער פּרעמיער האָט געענטפערט. דער גע-שפּרעך איז פאָרגעקומען אין דער געביידע פון קריגס מיניסטעריום.
וועגען דעם צוזאַמענשטעל פון דער איצטיגער שפּאַנישער רעגירונג האָט דער פּרעמיער געענט-פערט, אַז זי בעשטעהט פון פאַרשטעהער פון צוויי פּאַרטייען — פון די „לינקע רעפּובליקאַנער". די דאָזיגע פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרען דורכ'ן מלוכה-פּרעזידענט אַזאַנאַ, און פון דער „רעפּובלי-קאַנישער אוניע", וועלכע איז געשאַפען געוואָרען פון פּאַרלאַמענטס-פּרעזידענט באַריאָ. די מיניסטאָרען פון איננערן און קריג זענען גענעראַלען.
אין דער רעגירונג זענען נישט פאַראַן נישט קיין סאָציאַליסטען און נישט קיין קאָמוניסטען, אָבער די דאָזיגע פּאַרטייען, ווי אויך די אַנאַרכיסטען שטי-צען די רעגירונג.
דער פּרעמיער האָט ווייטער דערקלערט, אַז אַ גרויסע צאָהל גענעראַלען און אָפיצירען זענען גע-בליבען געטריי דער רעגירונג, אַזוי, אַז עס זענען איבערגעטריבען די ידיעות פון די אויסלענדישע צייטונגען, אַז די רעגירונג איז געצוואונגען צו בע-שטימען אונטעראָפיצירען אַלס גענעראַלען.
רעדענדיג וועגען דער סטראַטעגישער לאַגע, האָט דער פּרעמיער זשיראַל, איבערגעגעבען, אַז די רע-גירונג בעהערשט פולשטענדיג פאָלגענדע פּראָ-ווינצען: קאַטאַלאָניע, וואַלענציאַ, מורציאַ, עסטרע-מאַדורא און די באַסקישע פּראָווינץ, ווי אויך טרוי-סע טיילען פון אַנדאַלוזיאַ און קאַסטיליע. וואָס שייך די פּאָרטען מיט'ן מיטלענדישען ים, זענען זיי אַלע אָהן אויסנאַהם אין די הענט פון דער רעגירונג.
דער פּרעמיער האָט אויך גערעדט וועגען די קאַמפען אַרום מאַדריד. ער האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף נישט נעמען ערנסט די דראָהונגען אַריינצו-דרינגען קיין מאַדריד. די אויפשטענדיגע געפינען זיך אין די בערג אַרום מאַדריד אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד צו ענטוויקלען קיין גרע-סערע קריגס-אָפּעראַציעס. די איניציאַטיווע געפינט זיך פולשטענדיג אין די הענט פון רעגירונגס-מילי-טער.
אויף דער פראַגע וועגען דער אַפּראָוויזאַציע פון די שטעט, האָט דער פּרעמיער געענטפערט, אַז אין אַלע פּראָווינצען, וואו די רעגירונג הערשט, איז די אַפּראָוויזאַציע־פראַגע אַ געלעזטע. די בעפעלקע-רונג איז פולשטענדיג בעזאָרגט מיט שפּייז און אַנ-דערע אַרטיקלען.
מיט דער קאַטאַלאָנישער רעגירונג — האָט דער פּרעמיער ווייטער געזאָגט — שטיט די צענטראַל־רעגירונג אין די ברודערליכסטע און הערצינסטע בעציהונגען.
די פאָלקס-מיליץ ווערט פערוואַנדעלט אין רע-גולערע באַטאַליאָנען פון פריווילינע, וועלכע וועלען שפּעטער אַריינגעצויגען ווערען אין דער אַרמעע, און זיי וועלען אַזוי אַרום שאַפען די קאַדרען פון דער נייער שפּאַנישער אַרמעע.
צום סוף האָט דער פּרעמיער אויך גערעדט וועגען פּוילען. עס ווערט צוגעגרייט אַ האַנדעלס-טראַקטאַט מיט פּוילען. דער פּרעמיער זשיראַל האָט געזאָגט, אַז ער קען פּוילען, מיט אַ פּאָר יאָהר צו-ריק איז ער געווען אין וואַרשאַ אויף אַ וויסענשאַפט-ליכען צוזאַמענפאָהר און האָט דאָ פערבראַכט אַ געוויסע צייט.

Doktór Z.
HENRYKOWSKI
ספּעציעל-אַרצט פאַר מענער - שוועכע, ווענערישע און הויט-קראַנקהייטען
טראַוגוטאַ 9. טעל. 262-98
נעמט אָן פון 8—1 און פון 5—9 אָוונט.
זונטאָג פון 9 פריה ביז 12.30 מיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע [illegible]טשניצע-פּרייזען

Dr.
Wołkowyski
ציגעל-גאַס 11, טעל. 238-02
ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפילים און הויט-קראַנקהייטען
בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע
נעמט אָן פון 8—11 בייטאָג אין 4—9 אָוונט

נאָך 1 יודישער קרבן אין א״י

פערשטאַרקטע אראַבישע אנגריפן אויף די יודישע קאָלאָניעס.— לאָנדאָן רעכנט זיך מיט א פערשאַרפטן אראַבישן טעראָר

ירושלים, (יט״א טעל.).

היינט איז געפאַלן נאָך איין יודישער קרבן פון דעם אראַבישן טעראָר אין א״י. דער 27-יעהריגער ראובן לוי איז אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג דערשאָסן געוואָרן ביי א פרדס נעבן דעם התקוה-קוואַרטאַל אויף דער גרעניץ פון תל-אביב.

ראובן לוי שטאַמט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

תל-אביב, 8 (ספ. טעל.)

דער ספרדישער יוד לעווי, וואָס איז פרייטאָג פריה דערהרגעט געוואָרן, איז געפאַלן פון שאָסן, וועלכע זענען געקומען פון אַן אַראַבישן פרדס, בעת ער איז געגאַנגען צו דער אַרבייט. אַן אַראַבער, וואָס איז געפונען געוואָרן אין דערמאָהנטן פרדס, איז געוואָרן אַרעסטירט.

ירושלים, 8, (יט״א טעל.)

היינט איז פאָרגעקומען די לויה פון דעם ספרדישן יוד ראובן לוי, וואָס איז נעכטן דער-הרג'עט געוואָרן פון בעהעלטעניש. אין דער לויה האָט זיך בעטייליגט א גרויסער עולם. דער וויצע בירגער מייסטער רוקח האָט נישט ערלויבט מספיד צו זיין דעם דער'הרג'עטן פאַר'ן בנין פון מגיס טראַט. אויפ'ן בית עולם איז געהאַלטן געוואָרן א רעדע, אין וועלכער עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער אראַבישער טעראָר וועט נישט העמען דאָס יודישע אויפבוי-ווערק.

ירושלים, (יט״א טעלעגר.).

אין משך פון דער פערגאַנגענער נאַכט זענען אויסגעפיהרט געוואָרן אראַבישע אַנגריפן אויף א ריהע יודישע קאָלאָניעס. די אראַבישע אַנגריי-פער זענען פערטריבן געוואָרן. אין מקוה ישראל און אויף דעם הר-כנען האָבן טעראָריסטן אונ-טערגעצונדן איינציגע יודישע הייזער. עס איז אויך אונטערגעצונדן געוואָרן די יודישע ספּירט-פאַבריק הינטער תל-אביב.

בעת די אַנגריפן איז פון יודישן צד קיי-נער נישט פערוואונדעט געוואָרן.

לאָנדאָן, (יט״א טעלעגר.)

די היינטיגע לאָנדאָנער פרעסע טיילט מיט פון ירושלים, אַז דער אראַבישער שטרייק האָט זיך איצט ווידער פערשטאַרקט, וואָס עס ווערט פער-שטאַנען אַלס א רעזולטאַט פון דעם דורכפאַל פון עמיר אבדולאה'ס בעמיהונגען צו געפינען אַן אויס-וועג פון דעם פּאָליטישן קריזיס אין א״י.

לויט די דאָזיגע אינפאָרמאַציעס זענען די אראַבישע פיהרער ענטשלאָסן פאָרטצוזעצן דעם שטרייק און די מעגליכקייט פון פאַציפיצירונג פון דער לאַגע האָט זיך נאָך מעהר דערווייטערט.

צוליב א סאַבאָטאַזש-אַקט פון די טעראָריס-טען איז אַרויס פון די רעלסן א טראַכט-צוג נעבן לוד. די באַהן-ליניע אויף דעם דאָזיגן אָפּשניט איז בעשעדיגט געוואָרן.

תל-אביב, 8 (ספ. טעל.)

א 11-יעהריג יודיש יונגעל, וואָס איז גע-פאָהרען אויף א וועלאָסיפּעד פונ'ם התקוה-קוואַר-טייל קיין תל-אביב, איז פרייטאָג פריה בעשאָסן געוואָרן פון א בעהעלטעניש דורך אַראַבישע טע-ראָריסטען. די שאָסן האָבן איהם נישט גע-טראָפן.

חיפה, 8 (ספ. טעל.)

אויפ'ן וועג חיפה-תל-אביב, צו צפון פון שכם, איז געקומען צו א גרויסער שלאַכט צווישן מילי-טער און אַן אַראַבישער טעראָריסטען-באַנדע, וועל-כע האָט בעשאָסן די מיליטערישע עסקאָרטע פון אַ אויטאָבוסן-קאַראַוואַן.

די אָנגעקומענע מיליטערישע פערשטאַרקונגען האָבן מיט דער הילף פון אעראָפּלאַנען פער-טריבן די באַנדע, וועלכע האָט געציילט, ביי 40 מאַן, דערביי זענען דריי אַראַבער דערהרגעט געוואָרן, 2 פערוואונדעט און 2 זענען געכאַפּט געוואָרן מיט געוועהר און אַמוניציע.

פון די אויטאָ-פּאַסאַזשירען האָט קיינער נישט געליטען.

ירושלים, 8 (ספ. טעל.)

„אר-פּאָע" מעלדעט, אַז דער קאָלאָניען-מיניסטער האָט אָנערקענט דעם הויך-קאָמיסאַר'ס רעכט אָפּצושטעלן אין פאַל פון נויטווענדיגקייט די עליה.

תל-אביב, 8 (ספ. טעל.)

די גאַנצע העברעאישע פרעסע רעאַגירט שאַרף אויף דער ערקלערונג פון עמיר אַבדולאַה, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דורכ'ן נעכטיגן „אל-ליוואַ" און אין וועלכער ער בעהויפּטעט, אַז ער בעזוכט אַ צוזאָג פון הויך-קאָמיסאַר וואוקאָפּ דאָס די יודישע עליה וועט אָפּגעשטעלט ווערען אין פאַל פון אָפּשטעלען די אַראַבישע טעראָר-אַקציע.

די גאַנצע פרעסע פאָדערט פון דער א״י-רעגירונג אויפקלערונגען וועגן דערמאָהנטן ענין און ווייזט אָן, אַז אַזאַ צוזאָג פונ'ם הויך-קאָמיסאַר, אויב ער איז ווירקליך געגעבען געוואָרן, שטעהט אין אַ פולשטענדיגער סתירה צו די פריהערדיגע ערקלערונגען פון דער ענגלישער רעגירונג.

ירושלים, 8 (ספ. טעל.)

דער היינטיגער „אל-ליוואַ" בעמערקט בנוגע צו זיין נעכטיגען בעריכט וועגען דער קאָנפערענץ אין אַמאַן, אַז אינ'ם דערמאָהנטען בעריכט האָבען זיך אריינגעכאַפּט געוויסע אומפּינקטליכקייטען בנוגע איינציגע פרטים. די דאָזיגע פרטים ווערען אָבער דורך דער ציישונג נישט אויסגערעכנט.

לאָנדאָן, 8 (ספ. טעל.)

די היינטיגע לאָנדאָנער פרעסע טיילט מיט אַז אין רעזולטאַט פון דעם דורכפאַל פון עמיר אַבדולאַ'ס בעמיהונגען צו געפינען אַן אויסוועג פון דעם פּאָליטישען קריזיס אין א״י, האָט זיך דער אַראַבישער שטרייק ווידער פערשטאַרקט.

די אַראַבישע פיהרער זענען ענטשלאָסען פאָרט צוזעצן דעם שטרייק. די מעגליכקייט צו פאַציפיצירען די לאַגע איז דעריבער שוואַכער געוואָרן.

ירושלים, 8 (ספ. טעל.)

היינט האָט דער פּאָליטישער לייטער פון דער אַגענץ-עקזעקוטיווע, ה' משה טשערטאָק בעזוכט דעם הויך-קאָמיסאַר וואוקאָפּ, מיט וועלכען ער האָט אָפּגעהאַלטען אַ לענגערע קאָנפערענץ.

5 אראַבער דערהרגעט — 18 פערוואונדעט

בעת א צוזאַמענשטויס צווישן מיליטער און אראַבישע טעראָריסטן

ירושלים, 8. (יט״א טעל.) א אָפּטיילונג ענגליש מיליטער וואָס איז געקומען אין דער ריכטונג פון ירושלים איז אַטאַקירט געוואָרן פון א בעהעלטעניש נעבן דואיר הארץ אויף צפון פון שכם דורך א באַנדע פון 30 טעראָריסטן. א ענגלישער אָפּיצער איז פערוואונדעט געוואָרן. אין תיכף אַרויסגערופן געוואָרן הילף, עס איז ענטשטאַנען א קאַמף מיט דער בעטייליגונג פון עראָפּלאַנען, די אראַבער זענען צוטריבן געוואָרן דערביי זענען 5 דערהרגעט געוואָרן צוויי זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען, עס איז אויך צוגענו-מען געוואָרן א סך ביקסן און אמוניציע, די אעראָפּלאַנען האָבן ווייטער פערפאָלגט די אראַבער, 18 אראַבער זענען פערוואונדעט געוואָרן.

אראַבער געשטאָכן א ענגלישן אַרכעאָלאָג

ירושלים. 8. (יט״א טעל.) דער ענגלישער אַרכעאָלאָג אַלן כאו איז בעת א בעזוך אין עכו צוגעשטאָכן געוואָרן מיט מעסערס דורך צוויי אראַבישע יוגענדליכע.

אקציע פון די אראַבישע אדוואקאטן

מבטל צו מאַכן די קאָלעקטיווע שטראָפן

ירושלים, 8 (יט״א טעל.)

די פעראייניגונג פון אַראַבישע אַדוואָקאַטן האָט פערעפנטליכט אַן אויפרוף צו אַלע אראַבישע ישובים, אויף וועלכע עס איז אַרויפגעלעגט געוואָרן קאָלעקטיווע שטראָפן, אַז זיי זאָלן זיך ווענדן צו זייערע דיסטריקט-קאָמיסאַרן וועגן מבטל מאַכן די בעשלוסן וועגן די קאָלעקטיווע שטראָפן, שטיצענדיג זיך אויף דעם בעשלוס פון העכסטן געריכט אין דעם ענין עזה.

אין פאַל ווען די שטראָף וועט נישט אָראָפּגענומען ווערן, וועלן די אַדוואָקאַטן אָנקלאָגען די דעציזיע אין העכסטן געריכט.

די פּאָלעמיק אַרום „ספּעקטאַטאָר" וועגן ארץ-ישראל-פּראָבלעם

וואָס וועט זיין מיט דעם אָקטאָבער-שעדיול?

לאָנדאָן, (יט״א טעלעגר.)

אין איינפלוסרייכן קאָנסערוואַטיוון זשור-נאַל „ספּעקטאַטאָר" ווערט אין דער בריף-אָפּטיילונג פאָרטגעזעצט די הייסע פּאָלעמיק וועגן דעם א״י-פּראָבלעם און בעזונדערס וועגן דעם געפּלאַנטן אָפּשטעלן די עליה.

דער בעקאַנטער פּובליציסט וויליאַם בלומ-בערג לעגט פאָר אין זיין בריף, אַז די קעניגליכע קאָמיסיע זאָל, נישט וואַרטענדיג אויף דעם אָפּ-פאָהר קיין א״י, שוין צוטרעטן צו דער אַרבייט אין לאָנדאָן און אַנהויבן דעם פערהער פון די צדדים. דער מחבר פון דעם בריף האַלט, אַז די ציוניסטן דאַרפן אַליין רעזיגנירן פון דעם אָקטאָבער-שעדיול. אויב אָבער די ציוניסטן וועלן דערויף נישט איינגעהן, דאַן לעגט פאָר בלומבערג צו מאַכן גאַנץ ווייטגעהענדע שריט, נעמליך, מאַכן א נעבראַוך פון דעם אַרטיקל 4 פון מאַנדאַט, וועלכער זעהט פאָר אויך די מעגליכקייט נישט צו אָנערקענען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס די „יודישע אַגענץ".

אין דעם זעלבן נומער פון „ספּעקטאַטאָר" איז ערשינען א בריף פון ישראל קהן, וועלכער לייקנט קאַטעגאָריש, אַז די ציוניסטן זאָלן האָבן רעזיגנירט פון דעם אָקטאָבער-שעדיול און בעגרינדעט אין פולן פערנעם דעם ציוניסטישן שטאַנדפּונקט.

פּרעזידענט פון העכסטן געריכט זאָל פערלאָזן א״י

ירושלים, 8 (יט״א טעל.)

ווי מען דערוויסט זיך, זאָל דער פּרעזידענט פון העכסטן געריכט מייקאָלד מעקדאָנעל אינגיכען פערלאָזן זיין אַמט אין א״י און פערנעהמען א פּאָסטן אין אַן ענגלישער קאָלאָניע.

ווי בעוואוסט, איז צווישן דעם הויך-קאָמיסאַר וואוקאָפּ און פּרעזידענט פון העכסטן געריכט לעצטנס געקומען צו א קאָנפליקט צוליב די קאָלעקטיווע שטראָפן, וואָס זענען אַרויפגעלעגט געוואָרן אויף די אַראַבישע ישובים.

דער איצטיגער מצב אין א״י קען זיך לאַנג פערשלעפּן

ירושלים, 8 (יט״א טעל.)

נאָכדעם ווי דער פּרוב פון עמיר אַבדולאַה צו פערמיטלען ביי די א״י-אַראַבער איז דורכגעפאַלן, האַלט מען די לאַגע ... האַלטן א לענגערע צייט.

היינט זענען בעשאָסן געוואָרן די פאָרשטעט פון ירושלים. דער אַנגריף איז אָפּגעשטויסן גע-וואָרן.

נעבן כנרת איז געקומען צו א בלוטיגן צו-זאַמענשטויס צווישן דער גרעניץ-וואַך פון עבר-הירדן און אַראַבישע טעראָריסטן. איין אראַבער איז דערהרגעט געוואָרן.

פּאָפּולערע צוגען קיין
טשעכאָטשינעק
פון 8–10 אויגוסט 9.00 זל.
קיין גדיניע
מיט בעשייניגונגען
פון 13–17 אויגוסט פון 14.90 זל.
פון 14–17 אויגוסט פון 12.50 זל.
איינשרייבונגען נעמט אָן
„אָרביס" פּיעטריקאַ, 18,
טעל. 249-33.

Lekarz-Dentysta
I. KACZANOWSKI
נעהמט אָן אין אַמבולאַטאָריום פון די געז. „לינת המשמורים"
פּילסודסקיעגאָ 21, טעל. 32-55
אין די שעה'ן פון 9 - 11 פריה און פון 5–9 אָוועגד.

DR. MED.
G. GERSZTAJN
ספּעציאַליסט פאַר אויגן-קראַנקהייטן
צוריקגעקעהרט
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אָן פון 11–2 און פון 5–830 אָוו.
אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פּרייזן.

Starszy Felczer
B. JOSKOWICZ
פּולנאַצנאַ 4, טעל. 141-86
נעמט אָן טעגליך פון 8–11 און 4–6 נ״מ
טעגליך פּאַקען-שטעלען
מיט פרישע קראַנווייַנסע.

Dr. L. Suchowczycki
כירורג
GDANSKA 11, tel. 123-47
(רוג 11-טער ליסטאָפּאַד)
צוריקגעקעהרט
און נעהמט אָן פון 4-6 נאָכמיטאָג.

Lek.-Dentysta
Jakób Karmazyn
פּאָלודניאָווא 2, טעל. 114-36
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן פון 9–1 און פון 4–7 נאָכמ.

כעמ ש-באַקטעריאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריום
פ. שאַץ, לאָדז
פּיעטריקאָווער 37

Dr. med.
J. Nadel
ספּעציאַליסט פון אַקישעריע- און פרויען-קראַנקהייטן
אָגרודאָווע 4, טעל. 228-92.
נעמט אָן פון 10–12 און פון 5–7 אָוו.

Dr. Słobodski
OKULISTA
POWRÓCIŁ.
4 WÓLCZANSKA 4
tel. 241-27.

Dr. med. LEON FAMILIER
אינערליכע און קינדער - קראַנקהייטן
6. שערפּיען 37 בענעדיקטאַ
נעהמט אָן פון 5—7 נאָכמ.

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געוועזענער אסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פּאַריז.
ספּעצ. פאַר פרויען - קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט.
ספּעצ. פון היילען אומפרוכטבאַרקייט.
נעהמט אָן אין לאָדז
פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8–10 און פון 4–8 אָוונט

ד״ר העללער
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט
זונטאָג פון 10–2 מיטאָג.
פאַר פרויען - א ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזן

וויכטיג פאַר פאַבריקאַנטן און האַנדווערקער
שוויסונגען
מאַשינען-טיילן און רעפּעראַטורן
פיהרט אויס ביליג
די מעכאַנישע שלאָסערי
י. רעדער
11 ליכמאַנאָווסקאַ
(רוג זגערסקאַ)

יודישע עמיגראציע־ארבייט און יודישער וועלט־קאנגרעס

פון ד"ר אריה טארטאקאווער

— 1 —

י דעצידירענדיגער אונטערשיד צווישען דער י עמיגראַציע־פּאָליטיק פון פאַר דער וועלט־ און אין איצטיגען מאָמענט מוז געפינען פּשפּיגלונג סיי אין פערנעהם פון דער ארבייט אין איהרע מעטאָדען. רעגולירען אַן עמי־ אין זין פון פערטיידיגען די אינטערעסען גראַנט געגען שווינדלער און אַפעריסטען, צען פאַר איהם פאָרמאַליטעטען און געבען אַמעריעלע שטיצע — דאָס קאָן יעדע אינ־ ע אָדער געזעלשאַפט, אין אַ קלענערען אַ גרעסערען פאָרמאַט; אַזאַ ארבייט קאָן טון ווערען דורך איינינע אָרגאַניזאַציעס; די ענץ שטערט דאָ נישט; יעדענפאַלס האָט זי יין גרויסע בעדייטונג. גאָר אַנדערש זעהט ס דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַר עמיגראַציע־מעגליכקייטען, וועגען עפענען טליכע אונטערהאַנדלונגען, וועגען קאָלאָ־ פּלענער און וועגען אַ פּראָפעסיאָנעלער אי־ פירונג אין גרויסען מאַסשטאַב. מיט קיין צט בעמיהונגען און מיט פּריוואַטער הלפס־ וועט מען דאָ אַ סך נישט אויפטון. אַ קאָנצענטרירונג פון כוחות און אַ גרויסער און אַרבייט, אַ שטאַרקער געזעלשאַפטליכער בוי און אַן עפענטליך־רעכטליכער כאַראַקטער טעטיגקייט — אָט דאָס זענען די יסודות וועלכע עס מוז זיך שטיצען די יודישע ציע־פּאָליטיק פון היינט.

רעאַליטעט פון דער היינטיגער אַרבייט יעכט נישט די דאָזיגע הנחות. נאָר איינע אין רעאַליזירט געוואָרען אין אַ מעהר־ווע־ יסער מאָס. הגם אויך דאָ זענען מיר נאָך ן אַן אידעאַלען מצב. יעדענפאַלס קאָן מען וואָגען, אַז די קאָנצענטרירונג פון כוחות עמיגראַציע־אַרבייט איז ווייט אַוועק פאָר־ אין אמת'ן ווערט די גאַנצע יודישע עמי־ אַרבייט היינט דיקטירט דורך צוויי אָדער רגאַניזאַציעס („היקעם", „היאָס", „הילפס־ פון יודען אין דייטשלאַנד"), יעדענפאַלס זי זיך אונטער זייער קאָנטראָל. וואָס שייך די אַנדערע פּאָסטולאַטען זענען מיר נאָך שט אַרויס איבער די גרענעצען פון די ער־ עהר אָדער ווייניגער נישט געלונגענע פּרוּ־ שטאַ קיין גרויס־מאַסשטאַביג אָרגאַניזירטע פאַר־ גרייטונגס־אַרבייט, נישטאָ קיין אָרגאַניזירט אַרום די לאָזונגען פון עמיגראַציע און קאָ־ ציע און ס'איז כמעט נישטאָ קיין זכר פון ס'מע־אָרען פון אַזאַ פאָלק.

ן אַזעלכע בעדינגונגען לאָזען זיך קיין גרויס־ עען נישט דערגרייכען. נישט נאָר וואָס עס שט פערענטפערט ווערען די פראַגע פון די גער און הונדערטער טויזענדער וועלכע מו־ יגרירען כדי זיך צו ראַטעווען פון פיזישען ראַלישען אונטערגאַנג, נאָר אפילו געוויסע ונגס־שריט פאַר אַ גרויס־מאַסשטאַביגער אָר־ ונג פון יודישער עמיגראַציע, קאָנען נישט ט ווערען. אָט אַזוי איז דער געדאַנק פון אַ ן עמיגראַציע־קאָנגרעס געבליבען ביז היינט עהר ווי אַ פראַזע, אין בעסטען פאַל אַ לאָ־ אָס ווערט נישט רעאַליזירט. ס'איז נישט קיין געדאַנק. מען האָט שוין פאַר דער מלחמה ט און גערעדט וועגען אַן עמיגראַציע־קאָנ־ האַלטענדיג איהם פאַר נויטווענדיג צוליב רויסען היקף פון דער יודישער עמיגראַציע. אָבער דעמאָלט גאַרנישט געוואָרען פון דעם ן לאָזונג. ווייל קיין ספּעציפישע יודישע אַציע־פּראָבלעמאַטיק האָט דעמאָלט נישט ירט, יעדענפאַלס האָט זי נישט געלעבט אין סטזיין פון די מאַסען. היינט האָט דער עמי־ ־קאָנגרעס גאַר אַן אַנדער זין. אַ געוואַלדיגער שריי פון הונדערטער טויזענדער, וואָס ווי־ מיגרירען, אָבער האָבען נישט וואוהין, וואָלט ט, גוט צוגעגרייט, האָבען אַן ערשטקלאַסיגע סטראַטעגיע בעדייטונג. אויב פונדעסטוועגען היינט גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט גע־ דיי דעם דאָזיגען געדאַנק צו ריהרען פון פונקט, איז דאָס פון איין זייט צוליב דער יטעט פון די מאַסען, וואָס זענען נישט פער־ מיט דער עמיגראַציע־אַרבייט, און פון דער ער זייט האָבען, זעהט אויס, די אָנפיהרענדיגע אַנצען פון דער דאָזיגער אַרבייט נישט קיין יגע פערשטענדניש און נישט קיין געהעריגען צו אַזאַ געדאַנק.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע דעם געדאַנק פון אַ יודישער עמיגראַציע־באַנק. אויך דער דאָזי־ גער געדאַנק איז נישט קיין נייער, אָבער אויך ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַקטועל און דרינגענד ווי היינט. מיליאָנען דאָלאַרען ווער־ דען כסדר איבערגעשיקט פון די עמיגראַציע־לענדער צו די קרובים אין מזרח־אייראָפּאַ, עס ליקווידירען זיך טויזענדער עמיגראַנטען־פערמעגענס ביי די נישט געווענטע פינאַנציעלע פערהעלטנישען פון היינט, עס ווערען כסדר געמאַכט נייע שוועריגקייטען ביים איבערפיהרען געלדער פון איין לאַנד צום אַנדערען. ביי אַזעלכע בעדינגונגען וואָלט אַ צענטראַלע יו־ דישע עמיגראַציע־באַנק, וואָס וואָלט זיך נישט בעגנוגנט מיט געוועהנליכע פינאַנציעלע טראַנ־ זאַקציעס, נאָר אויך פערטיידיגט די פינאַנציעלע אינטערעסען פון אימיגראַנט און אָפּגראַטעוועט גראַשענס, זיכער געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג. עקזיסטירט אַזאַ אינסטיטוציע נישט און איהרע אויפגאַבען זענען נאָר צום טייל דערפיהלט דורך איינינע עמיגראַציע־אָרגאַניזאַציעס (אין דער ער־ שטער רייה דורך דעם „היאָס"). פעראייניצעלטע פרובען צו שאַפען יודישע לאָקאַלע עמיגראַציע־ באַנקען (צ"ב אין רומעניען) האָבען זיך נישט איינגעגעבען, ווייל אַ יודישע עמיגראַציע־באַנק, אויב זי דאַרף דערפיהלען איהרע אויפגאַבען, מוז זיך שטיצען אויף דעם צוטרוי פון די מאַסען און מוז האָבען אַ גרויסען היקף פון טעטיגקייט. אויך אויף דעם דאָזיגען געביט דאַרף נאָך כמעט אַלץ געטון ווערען.

דער מוסר־השכל פון די דאָזיגע אויספיהרונגען איז — אַז די יודישע עמיגראַציע - אַרבייט, כדי זי זאָל זיך קענען ענטוויקלען אין אַ געהעריגען פערנעהם און ערפיהלען איהרע אמת'ע אויפגאַבען, מוז זיין באַזירט אויף אַ גרויסער און שטאַרקער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. נאָר דעמאָלט וועט זי קענען קומען אין אַ ממשותדיגען קאָנטאַקט מיט מלוכות און אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטען, נאָר דע־ מאָלט וועט זיך לאָזען רעאַליזירען דער לאָזונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלער איבערגרופּירונג און נאָר דע־ מאָלט וועט דער געדאַנק פון אַ יודישער קאָלאָני־ זאַציע זיין מעהר איידער אַ פערזאַמלונגס־פראַזע.

אָט די דאָזיגע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע קאָן און דאַרף זיין דער יודישער וועלט־קאָנגרעס.

וואָס וועט געבען דער יודישער וועלט־קאָנגרעס דער יודישער עמיגראַציע־אַרבייט? ער וועט איהר געבען קודם־כל אַ שטאַרקען און אַ דעצידירענדיגען געזעלשאַפטליכען אָנשפּאַר. מיר ווייסען נאָך היינט נישט, ווי גרויס וועלען זיין די מאַסען, וואָס וועלען זיך אונמיטעלבאַר אָדער מיטעלבאַר בעטייליגען אין קאָנגרעס, אָבער אַז די דאָזיגע מאַסען וועלען גיין אין שווערע הונדערטער טויזענדער און אפשר אין מיליאָנען, קען קיין שום ספק נישט זיין. זיי וועלען נישט קומען צום וועלט־קאָנגרעס נישט צוגעגרייט. די אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע אַרום דעם וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבען און ווערט אַדורכגעפיהרט אין אַ גרויסען פערנעהם, וועט אַרומנעהמען אויך די פראַגען פון יודישער עמיגראַציע און וועט אויפקלערען די מאַסען וועגען דער בעדייטונג פון די פראַגען, אַריינשטעלענדיג גלייכצייטיג אין׳ם אַלגעמיינעם קאָמפּלעקס פון יודישען עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען. אויף אַזאַ אופן וועט צום ערשטען מאָל זינט לאַנגע יאָהרע דאָס יודישע עמיגראַציע־פּראָבלעם קאָנצענטרירען אַרום זיך די גאַנצע אָדער כמעט די גאַנצע יודישע עפענטליכע מיינונג. און אַזוי וועט עס בלייבען אויך ווייטער, אויב דער יודישער וועלט־קאָנגרעס, צו וואָס מיר שטרעבען אַלע, וועט זיך פערוואַנדלען אין אַ שטענדיגער אינסטיטוציע מיט אייגענע אָרגאַנען און אַן אייגענעם אויפקלערונגס־אַפּאַראַט.

(סוף מאָרגען)

דער „שוואַרצער לעגיאָן". וואָס וויל ראַטעווען אַמעריקע און די „אמת׳ע" אַמעריקאַנער

נאָך אין משך פון היינטיגען חודש דאַרף זיך אָנהויבען פאַר דעם געריכטס טריבונאַל פון דער שטאָט טאַמפּאַ אין אַמעריקע דער ערשטער פּראָצעס געגען דער מעכטיגסטער אונטערערדישער אָרגאַ־ ניזאַציע וואָס איז ענטשטאַנען אין אַמעריקע זייט די צייטען פון קלו־קלוקס קלען, וואָס האָט שטראַפלאָז געווילדעוועט דריי יאָהר ביז אין פריהלינג פון לויפענדען יאָהר צוליב דער ענטדעקונג פון די מער־ דער פון אַרבייטער קאַרל פּול אין דעטראָיט איז זי בעקאַנט געוואָרען דער וועלט אונטער דעם נאָמען „שוואַרצער לעגיאָן".

דאָס איז אייגענטליך נישט דער ריכטיגער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט בעוויזען צו ווערבירען אַן ערך 3 מיליאָן מיטגלידער צווישען די בירגער פון די פעראייניגטע שטאַטען פון אַלע סאָרטען קלאַסען און פּראָפעסיעס. אין די אייגענע געהיימע דאָקומענטען האָט די אָרגאַניזאַציע בענוצט דעם טיטול „פעראייניגטע אַמעריקאַנישע ברודערשאַפט" אָדער אָרדען פון אַמעריקאַנישער ברודערשאַפט און איינהייט" די בעזונדערע קער־ מערשאַפטען, קלובען, עקספּאָזיטורען פון דער אָרגאַני־ זאַציע זענען אַרויסגעטרעטען אונטער פערשידענע, אונשולדיג קלינגענדע און דעמאָקראַטיש קלינגענדע שיל־ דען, וואָס זענען אין די אויגען פון דער מאַכט און עפענטליכקייט אָנגעגאַנגען ווי ענגע אָפּטיי־ לונג פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי.

צו דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע האָבען געהערט די מערדער פון קאַרל פּול. די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען דורך אַ אָרימען דאָקטאָר וויליאַם דזשעקאָב שעפּערד, וועלכער האָט שווער געאַרבייט אויף זיין ברויט אין דעם דאָרפעל בעלעי, אין שטאַט אָהיאָ. ער איז געווען אַ זעהר בעשיי־ דענער מענש און ערשט אין יאָהר 1933 אין דער צייט פון דער גרעסטער ווירטשאַפטליכער דעפּרעסיע איז פאָרגעקומען אַ איבערברוך אין זיין פּסיכיק. ער האָט נישט געקענט מעהר אויסאַרבייטען ווי 25 דאָלאַר אַ חודש; ער האָט אָנערקענט, אַז שולדיג דערין איז נישט אַזוי ווייט די רעגירונג און די מלוכה ווי די „הינטערקוליסען כחות", וואָס פיהרען אָן מיט׳ן גורל פון דער וועלט און בעזונדערס מיט די פעראייניגטע שטאַטען צום אומגליק פון די עהרליכע הונדערט פּראָצענטיגע אַמעריקאַנער. ער האָט שנעל בעמערקט אַז דערווייל איז זיין נאָהענ־ סטע סביבה פערורטיילט די דאָזיגע כחות. די ענטדעקונג איז געווען נישט ניי, אָבער דאָך אָנ־ ציהענד. ד"ר שעפּערד האָט אָנגעוויזען אויף די יו־ דען, קאַטאָליקען, נעגער און בכלל אויף פרעמדע.

דער דאָרפישער דאָקטאָר האָט געגרינדעט דעם אָרדען און האָט זיך בעשטימט אַלס זיין גענע־ ראַל, און אָנהויב האָבען לויט די סטאַטוטען צו דער אָרגאַניזאַציע געקענט געהערען „פּראָטעסטאַנ־ טען פון מענליכען געשלעכט פון ווייסער ראַסע". דער אָרדען האָט געדאַרפט קעמפען פאַר דער פּראָפּאַ־ גאַנדע, שוץ און מאַכט פון עוואַנגעלישען גלויבען, בכדי דורכדעם צו פערזיכערן אַ געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען וואוילשטאַנד פאַר אַלע פּראָטעסט־ טאַנטישע בירגער. עס איז נאָך צוגעגעבען געוואָרען אַ ערקלערונג, אַז דער אָרדען אָנערקענט נישט קיין שום אַנדערע כוחות, חוץ גאָט און די פעראייניגטע שטאַטען".

אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט פערשידענע שודערליכע, אונהיימליכע צערעמאָניעס לויט דעם מוסטער פון די קו־קלוקס־קלען. איצט ערקלערט ד"ר שעפּערד פאַר דער געריכטס־מאַכט. אַז דאָס איז געווען נאָר אַ אינסצעניזאַציע מיט'ן ציל צו־ צוציהען אַ וואָס גרעסער צאָהל אָנהענגער. די אַמע־ ריקאַנער האָבען ליב פערזאַמלונגען אין די וועלדער אָדער אין וויסטע ערטער אין מיטען דער נאַכט. שוואַרצע מאַסקעס, קאַפּטורען, שטורקאַצען און עהנ־ ליכע — רעקוויזיטען.

די אויספאָרשונג האָט אָבער פעסטגעשטעלט, אַז דער אָרדען האָט זעהר שנעל זיך פערוואַנדעלט אין אַ טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע, ביז איצט האָט מען שוין ענדעקט הונדערט און עטליכע צעהנדליג מאָרדען, וואָס זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך דער „פעראייניגטער ברודערשאַפט". מען האָט גע־ פינען אַ ליסטע פון די צום טויט פערמשפּטע, מען האָט אויך געפינען די טעקסטען פון די שבועות, וואָס זענען בעלעגט געוואָרען בעת די צערעמאָניעס, זיי האָבען זיך געווענדעט נישט נאָר צו גאָט, נאָר אויך צום... שטן וועגען שטראַף און נקמה אויף די שונאים און פערעטער. די אָנהענגער פון ער־ שטען גראַד האָבען ביים אויפנעהמען זיי אין דער אָרגאַניזאַציע זיך פערפליכטעט צו „אונטערדריקען בערויבען און ערמאָרדען אַלע שונאים אָהן שום רחמנות" זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען „אַריבערטראָגען אַלע קוואַלען, וואָס די וועלט קען נאָר אויסטראַכטען און אונטערגעבען זיך דעם שרעק־ ליכסטען טויט, און נישט אַרויסגעבען קיין איין וואָרט פון דער שבועה". זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען „בעטען צו גאָט פון נקמה אין דעם אונרחמנותדיגען שטן, אַז ער זאָל דורך דער גאַנצער אייביגקייט צוררייסען דאָס האַרץ, שניידען דאָס לייב און אַלע גלידער, וואַרפען צום פרעסען פאַר די ווילדע פויגעל און ברענען אויף אַ גהינומישען פייער אויב זיי וועלען פערראַטען זייערע צילען".

עס איז דאָרט אויך געווען אַזאַ ערקלערונג, אַז נאָר אַכזריות און נישט בארמהערציגקייט קען ראַטעווען אַמעריקע. די עקזעקוציע אויף „שונאים" האָט מען אויסגעפיהרט אויף פערשידענע מעהר אָדער ווייניגער ראַפינירטע אופנים, פערעטער האָט מען דערשטיקט אָדער געהאַנגען. פאַר „פערראַט" איז ערמאָרדעט געוואָרען קאַרל פּול. צו איהם האָט מען אויך געשאָסען פון רעוואָלווערן ווייל די הויפּט עקזעקוטאָרען האָבען נישט בעוויזען אָנצוקומען צו דער צייט זיי האָבען אויך נישט בעוויזען צו בעהאַלטען דעם טויטען קערפּער און אַ דאַנק דעם האָט מען ענטדעקט די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט גאַנץ אַמעריקע.

אין אַ סך ערטער האָבען צו דער אָרגאַניזאַציע געהערט הויכע בעאַמטע, פּאָליציאַנטען פון פערשידע־ נע גראַד און אפילו ריכטער. דורך טעראָר האָט די „ברודערשאַפט" בעקומען אַרבייט פאַר איהרע אָנהענגער. צווינגענדיג די אונטערנעהמונגען אַרויס־ צוואַרפען אויפ׳ן ברוק קוואַליפיצירטע אַרבייטער.

דער איצטיגער פּראָצעס נעהמט אום עטליכע צעהנדליג אָנגעקלאָגטע. דאָס זאָל זיין ערשט אַ אָנ־ הויב פון אַ גאַנצע רייהע פּראָצעסען. די אויספאָרשונג האָט נישט בעוויזען אויסצופאָרשען די גאַנצע טעטיג־ קייט אין משך פון די דריי יאָהר פון דער עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

די פאַרשטעהער פון דער „ברודערשאַפט" לייי־ קענען. אַז זיי זאָלען האָבען אַ שייכות צו דער טעראָר אַקציע און ערקלערען, אַז „נישט קוקענדיג אויף די פערפאָלגונגען און בעדויערענסווערטע אינצידענ־ טען וועט די אָרגאַניזאַציע מיט נאָך אַ גרעסערע ענערגיע קעמפען פאַר׳ן נצחון פון די אמת׳ע אינטער־ רעסען פון אַמעריקע און פון דער אַמעריקאַנישער בעפעלקערונג".

נייע פאַקטען פון היטלער׳ס יוגענד

ציריך (יט"א) אין אייראָפּע־פערלאַג אין ציריך ערשיינט אומגיכען אַ ביאָגראַפיש ווערק פון קאָנ־ ראַד היידען א. נ. „אַדאָלף היטלער, די אחריות־ לאָזע תקופה". דאָס בוך וועט ערשיינען אין 20.000 עקזעמפּלאַרען אין דער דייטשער שפּראַך און וועט גלייכצייטיג ווערען איבערגעזעצט אין 8 אַנדערע שפּראַכען. די ביאָגראַפיע איז דורכ'ן מחבר בעאַר־ בייט געוואָרען אויפ'ן גרונד פון אַ נייעם רייכען דאָ־ קומענטען מאַטעריאַל. אין דעם בוך וועלען אויך זיין נאָך איצט אונבעקאַנטע ידיעות וועגען היטלערס בעציהונגען מיט יודען. צווישען אַנדערען ווערט דאָרט געזאָגט:

אָנפאַנג נאָוועמבער 1908 איז דער דעמאָלס־ 21־יעהריגער פאַך־ און בעשעפט־אונגעלאָזער אַדאָלף היטלער געקומען אין ווין און דער היים פאַר דאָכ־ לאָזע אין מיידלינג־בעצירק וואָס איז געגרינדעט גע־ וואָרען דורך יודישע פילאַנטראָפּען. ער איז דאָן אין משך פון פיל טעג געווען אַ גאַסט אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע. בעזונדערס גערן איז ער געקומען אין דער היים פאַר אונפערמעגליכע, וואָס איז אויסגע־ האַלטען געוואָרען דורך דעם יודישען באַראָן קעניגס־ וואַרטער, וואו ער האָט ביקומען אַ טעלער מיט וואַ־ רימע זופּ און אַ שטיק ברויט. היטלער האָט דאָן זיך געוואָלט מעלדען צו ערד־אַרבייט. איינער פון די געסט פון דער ביליגער קיך, מיט וועלכער היטלער האָט זיך דאָרט בעפריינדעט האָט איהם דעראָפון אָפּגערעדט. אויב איהר וועט ווערען אַן אַרבייטער — האָט איהם דער פריינד געזאָגט, וועט איהר נישט ווייט דערגעהען. היטלער האָט די עצה געהאָרכט, מיט דעם דאָזיגען פריינד זיינעם נוימאַן, אַ יוד, האָט זיך היטלער אַ לענגערע צייט געחבר'ט און גע־ נאָסען פון זיין שטיצע.

אויף דעם אָפּגרונד פון ווינער דלות האָבען זיך אויסגעמישט די אָפּפאַלען פון די פעלקער פון אַמאָ־ ליגען עסטרייך. דאָרט האָט ער זיך בעקענט מיט די אָרימסטע צווישען די דייטשען, פּאָלאַקען, טשע־ כען, אוקראַינער, אינגאַרן, איטאַליענער און יודען. אָנגעטאָן אין אַ געשענקטען ראָק, מיט אַ גע־ שוירען בערדעל האָט „אַנקעל פּאַול קריגער", ווי היטלערס בעקאַנטע האָבען פון איהם אָפּגעחוזק'ט, רופענדיג איהם מיט'ן נאָמען פון פּרעזידענט פון דער בורען־רעפּובליק טראַנסוואַל, האָט ער גיכער אויס־ געזעהן ווי אַ מזרח־אייראָפּעאישער יוד. צווישען די איינוואוינער פון די ווינער היימען פאַר דאָכ־ לאָזע מענשען האָבען זיך אויסגעבילדעט זיינע אָנ־ שויאונגען זענען פרעמדע נאַציעס. בעזונדערס ווע־ גען יודען. פון די נישט־געוואונשענע איינוואוינער אין די היימען פאַר די אָרימסטע האָט ער גענומען די חכמה, אַז אַ יוד קען מען דערקענען אפילו מיט פערמאַכטע אויגען בלויז פון גערוך, פון דעם אָרי־ מען שלעקעם — הענדלער. צופראַכטונגעם מענש און קליינע שווינדלער, האָט ער זיך געמאַכט אַ בילד פון דער גאַנצער ראַסע. אין הויז פון זיינע עלטע־ רען האָט מען נישט געוואוסט פון קיין אַנטיסעמי־ טיזם. דאָס וואָרט יוד, שרייבט ער, האָט ער איבער־ הויפּט נישט געהערט כל זמן דער פאָטער האָט גע־ לעבט. אין לינץ זענען בכלל געווען זעהר ווייניג יודען און היטלער שרייבט וועגען זיי דאָס „אין פערלויף פון יאָהרהונדערטער האָבען זיי זיך אויס־ סערליך אייראָפּעאיזירט און געוואָרען מענשליך". ער האָט דעריבער גאַרנישט פאָרצוואַרפען די לינ־ צער יודען. דער הויז־דאָקטאָר פון זיין פאַמיליע אין לינץ איז געווען אַ יוד. היטלער האָט צו איהם מעהרערע מאָל געשריבען, כדי איהם אויסצודריקען פערעהרונג און דאַנקבאַרקייט. אויף אַ ניי־יאָהר־ וואונש־קאַרטע, וואָס היטלער האָט אַמאָל געשיקט צו דעם יודישען דאָקטאָר, האָט ער אויסגעמאָהלט אַ קאַפּוציגער, וועלכער האַלט אין דער האַנד אַ גלאָז ווין און זאָגט פּראָסיט! אויף דעם בילדעל זענען פערהאַן די אותיות א. ה. און אויף דער צווייטער זייט „ערגעבענסט דאַנקבאַר אַדאָלף היטלער". שוין יוגענדיג אין ווין האָט ער נאָך אַלץ געשריבען צו דעם יודישען דאָקטאָר אין לינץ. פון דעם אַלעם איז צו זעהן, אַז היטלער האָט פון דעם יודישען דאָק־ טאָר גיהאַט פיל טובות.

די ענטהילונג פון ד"ר צ. שאַבאַד׳ס דענקמאָל אין ווילנע

ווילנע (יט"א) דעם 10 ה. ח. וועט פאָרקו־ מען אין דער „טאָז"־קאָלאָניע אין ווילנע די פייער־ ליכע ענטהילונג פון דעם ביוסט פון ד"ר צ. שאַבאַד וועלכער איז געווען דער שעפער און דער פּראָטעק־ טאָר פון דעם אַנשטאַלט. דער ביוסט, וועלכער איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך דעם יונגען סקולפּ־ טאָר סמורלאַ, האָט די פאַמיליע פון דעם געשטאָר־ בענעם געשענקט דער געזעלשאַפט, כדי צו פעראיי־ ביגען זיין אָנדענקען אין דער אינסטיטוציע, פאַר וועלכער ער האָט מיט אַזאַ אָפּפערוויליגקייט געאַר־ בייט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען.

—*X*—

נתן מאיר ראטשילד / דער גרינדער פון ראטשילד-הויז אין לאנדאן, און דער צוגרייטער פון דער יודיש. עמאנציפאציע אין ענגלאנד. ● הונדערט יאהר נאך זיין טויט.

פון
מאריס מייער

שם איז געווארען הונדערט יאהר זינט ס'איז גע-
מארבען נתן מאיר ראטשילד, דער גרינדער פון
ם לאנדאנער ראטשילד הויז, דער ערפאלגרייכסד
ר פון דער זעהר ערפאלגרייכער משפחה, וועלכער
ז אויך געווען דער צוגרייטער פון דער יודישער
אנצופאציע אין ענגלאנד.

נתן מאיר ראטשילד איז געבוירען געווארען אין
אנקפורט דעם 16. סעפטעמבער 1777 און איז גע
מארבען אלט דארט אין זיין 60-טען יאהר, דעם
ען יולי 1936 (ס'איז דעמאלט אויסגעפאלען אין
ז אב תקצ"ו). אבער זיין היים איז שוין געווען
נדאן און דא האט מען איהם מספיד געווען.

ער איז געווען דער דריטער זוהן פון מאיר
שעל ראטשילד, וועלכער האט אייגענטליך גע-
ונדעט דאס ראטשילד געשעפטס-הויז בכלל. יער-
מס פאטער, נתן מאיר'ס זיידע, אנשעל משה ראט
לד, איז נאך געווען א קליינער סוחר און א מלוה,
ן עס איז געווען זיין זוהן מאיר אנשעל, וועלכער
אט מצליח געווען און געגרינדעט דאס גרויסע
נק-געשעפט טאקי אין זיין פאטער'ס הויז.

מאיר אנשעל ראטשילד האט חתונה געהאט מיט
ר צארטער אמת'ער אשת חיל גיטעלע שנאפער,
ן אט פון זיי איז ארויסגעקומען די גרויסע ליי-
נדע משפחה ביים יודישען פאלק אין 19-טען
הרהונדערט. גיטעלע ראטשילד האט געבוירן צעהן
נדער: פינף טעכטער און פינף זיהן, און נתן
איר איז געווען דער דריטער און דער פעהיגסטער
ן די זיהן, ווי ס'איז בעוואוסט האבען די פינף
יהער, די בעריהמטע „פראנקפורטער", זיך צו-
ילט: דער עלטערער, אנשעל מאיר, איז געבליבען
ן פראנקפורט, פארטצוזעצען דעם פאטערס גע-
עפט, דער צווייטער שלמה מאיר איז געפאהרען
ין וויען און דארט געגרינדעט דעם ראטשילד-הויז,
ן מאיר איז געקומען קיין ענגלאנד און שפעטער
גרינדעט אין לאנדאן דאס ראטשילד-געשעפט, קארל
איר איז געפאהרען קיין איטאליען און געשאפען
ן נעאפאל א באנק-געשעפט, און דער יונגסטער
קב מאיר איז געפאהרען קיין פאריז. דארט האט
גטען דאס זעלבע וואס זיינע ברידער, און פון
הם איז ארויסגעקומען דער גאר בעריהמטער טרגיב
דוע, באראן עדמונד ראטשילד, דער סאמע העכס-
ר יודישער בריליאנט פון דער ראטשילד-פאמיליע.
אט דאס איז געווען די פערצווייגונג פון דער
שפחה, אבער איצט וויל איך זיך בלויז אפשטעלען
יף נתן מאיר ראטשילד, וועמענס הונדערסטער
הרצייט עס קומט איצט פאר.

נתן מאיר ראטשילד איז שוין געווען א גע-
עפטסמאן אין פראנקפורט, צו דער עלטער פון
גאנציג יאהר האט מאיר אנשעל ראטשילד גע-
מאכט זיינע זיהן פאר געשעפטספיהרער. אבער זיין
קאריערע האט נתן מאיר געמאכט אין ענגלאנד.
בעזעצט האט ער זיך צוערשט אין 1798 אין מאנ-
משעסטער, וואו ער האט געעפענט א געשעפט מיט
20 טויזענד פונט. ער איז געקומען קיין מאנטשעס-
טער איינקויפען אונמיטעלבאר. די פירמע זייערע האט
שוין געפיהרט געשעפטען מיט מאנטשעסטער פון
פריהער. זיי פלעגען קויפען פערשידענע שטאפען
אין דער שטאט. זיי פלעגען די שטאפען צושטעלען
פאר בעקליידען ארמעען אין דייטשלאנד. די שטאר-
פען האבען זיי צוערשט בעקומען דורך ענגלישע
האנדעלס-וואוזואריען, וועלכע האבען דעמאלט
ארומגערייזט דייטשלאנד. איינמאל איז געקומען א
וואוזואשאר פון מאנטשעסטער צו דער פירמע. נתן
מאיר האט איהם עמפאנגען, און דער וואוזשאר
האט זיך ארויסגעוויזען אראגאנט, גראב. נתן מאיר
ראטשילד האט איהם אינפאך געוויזען די טיר, און
האט גלייך בעשלאסען אליין צו פאהרען קיין מאנ-
טשעסטער און דארט איינקויפען שטאפען פאר דער
פירמע. ביי איהם איז געווען געזאגט און געטאן און
אויף אזא אופן איז ער געקומען קיין ענגלאנד, און
דא געווארען א תושב. צוערשט האט ער זיך בעזעצט
אין דער פערהייראטער און פאנערגיער שטאט פון
מיטעל ענגלאנד. ער איז און גאנצען דעמאלט אלט
געווען 21 יאהר, אבער ער האט זיך גענומען זעהר
ענערגיש צו פיהרען דאס געשעפט. אנשטאט צו
קויפען גרייטע שטאפען, האט ער געקויפט רויה'ס
מאטעריאלען בעזונדער, און פארבען בעזונדער. ער
האט אליין געלאזט מאכען די שטאפען, און האט
הערויפאר געמאכט גאנץ גרויסע פראפיטען. אין פער-
לויף פון זיבען יאהר האט ער פערדרייפאכט זיין פער
מעגען. צו די 20 טויזענד פונט, וואס דער פאטער
האט איהם געגעבען, איז צוגעקומען 40 טויזענד
פונט פראפיט.

אין 1804 האט נתן מאיר זיך נאטוראליזירט אין
ענגלאנד. און מיט איין יאהר שפעטער, אין 1805
האט ער זיך איבערגעצויגען פון מאנטשעסטער קיין
לאנדאן. דא האט ער זיך גלייך גענומען פיהרען א
באנק-געשעפט. אין אקטאבער 1806 האט ער חתונה
געהאט מיט חנה בארנע כהן, א שוועגער'ין פון מא-
זעס מאנטעפיארע. ער האט הייסט עס זיך פערבונ-
דען מיט דער יודישער משפחה, וואס האט געשפילט
א גאר פראמינענטע ראלע אין לאנדאן. יענע
משפחה איז געווען א ספרדישע, און אויף
אזא אופן איז אט דער אשכנזי, נתן מאיר ראט-
שילד געקומען אין בעריהרונג מיט די סאמע פרא-
מינענטסטע ספרדישע יודען אין לאנדאן, בעזונדערס
מיט מאזעס מאנטעפיארע, און דאס איז איהם אויך
צוגוץ געקומען.

נתן מאיר ראטשילד האט גלייך אנגעהויבען שפי-
לען א ראלע אויף דער לאנדאנער בערזע, און ער
האט אויך געשפילט א בעזונדערס גרויסע ראלע אין
די פינאנציעלע ענינים בעת די מלחמות מיט נאפאל-
לעאנ'ען. נאך דער שלאכט פון יענא איז דער לאנד-
גראף (הערשער) פון העסען-קאסעל אנטלאפען קיין
דענעמארק, אבער צוערשט האט ער פערזארגט, אז
בערצושיקען דורך מאיר אנשעל ראטשילד, נתן
מאיר'ס פאטער, פון פראנקפורט א גרויסען טייל פון
זיין פערמעגען קיין דענעמארק. עס ווערט בעהויפ-
טעט, אז מען האט דאס געלד און אויך קונסטוואר-
כען ארויסגעשיקט אין פעסלעך וויין. דער ווערט פון
דעם פערמעגען איז געווען 600 טויזענד פונט. עס
ווערט בעהויפטעט, אז ביי דעם געשעפט, וואס האט
זיך דורכגעפיהרט דורך איינעם פאדען, האט ער גע-
מאכט פיר מאל פראפיט פאר זיך. ער איז געווארען
בכלל א גרויסער פערמיטלער פון איבערשיקען געלד
צו איראפעאישע לענדער בעזונדערס פאר דער ענג-
לישער ארמעע פון אנטעטר וועלינגטאנ'ען, וועלכער
האט בעזיגט נאפאליאנ'ען. מען שאצט, אז אין די
יאהרען פון 1813 ביז 1815 האט מען דורך איהם
איבערגעשיקט 15 מיליאן פונט.

נתן מאיר ראטשילד'ן איז אוי דאס יגען צו בע-
קומען דער ערשטער די ידיעה וועגען נאפאליאנ'ס
מפלה אין וואטערלו. קיין טעלעגראף איז דעמאלט
נאך נישט געווען, אבער ער האט ארגאניזירט א טויב-
בען-פאסט צווישען ענגלאנד און דעם קאנטינענט.
אויף אזא אופן איז ער געווען דער ערשטער, וועל-
כער האט מיטגעטיילט דער ענגלישער רעגירונג וועגען
דעם זיג פון איהר אייגענער ארמעע. עס פער-
שטעהט זיך, אז ווישענדיג וואס ס'איז געשעהן, איז
איהם דאס אויך צונוץ געקומען צו זיינע געשעפט-
ליכע ענינים.

1812 האט דער פרינץ רעגענט פון ענגלאנד איהם
בעוויפטראגט דורכצופיהרען פאר איהם א פינאנ-
ציעלע טראנזאקציע און אויף אזא אופן איז ער אויך
געווען פערבונדען מיט דעם קעניגליכען הויף.

עס ווערט אויך בעהויפטעט, אז זיינע געשעפ-
טען פלעגט ער פיהרען אליין און אין געהיים. אפילו
זיין פרוי האט פון זיי נישט געוואוסט. מען זאגט
זאגאר אז זיין פרוי האט איהם טייזמאלט נאכגעטן, זי
האט אנגעהויבען אליין שפעקולירען אויף דער בער-
זע, און זי האט געזוכט צו דערגעהן דעם מאנ'ס סו-
דות, פרי ס'זאל איהר גליקען. אבער זי האט די סו-
דות נישט געקענט דערגעהן און זי איז טאקי דורכ-
געפאלען.

ער האט דורכגעפיהרט פיל גרויסע הלוואות פאר
פערשידענע רעגירונגען. איינע פון זיינע לעצטע
הלוואות איז געווען פון 15 מיליאן פונט פאר אויס-
קויפען די שקלאפען פון זייערע אייגענטימער און
פאלגליך צו מאכען א סוף צום שקלאפענטום אין
די בריטישע קאלאניעס.

דורך די הלוואות, וואס די ראטשילד'ס האבען
געגעבען צו פריטען, און דורך די אנדערע דינסטען,
וואס זיי האבען געליסטעט צו דער פרייסישער רע-
גירונג, זיינען אלע ראטשילד ברידער בעערהרט גע-
ווארען אין 1822 מיט דעם טיטול באראן און פאל-
גליך איז אויך נתן מאיר ראטשילד שוין געווארען
באראן ראטשילד.

נתן מאיר ראטשילד איז אבער נישט געווען
בלויז פערטון אין פינאנציען. דאס איז טאקע געווען
די הויפטזאך ביי איהם. אבער ער האט נאכגעפאלגט
און ווייטער אנטוויקעלט די טראדיציע פון זיין פא-
טער צו געבען צדקה. און ער האט אויך געארבעט
פאר אויפהויבען דעם מצב פון די יודען פאליטיש
און געזעלשאפטליך. מען קען אויף איהם פאלשטענ-
דיג זאגען, אז ער האט צוגעגרייט די יודישע עמאנ-
ציפאציע אין ענגלאנד.

געשטארבען איז נתן מאיר ראטשילד אויך
אונטער פערהעלטנישמעסיגע טראגישע אומשטענ-
דען: דעם 15. יוני 1836 האט זיין עלטערער זוהן,
ליאנעל, וועלכער איז שפעטער געווען דער ערשטער
יודישער דעפוטאט אין ענגלישען פארלאמענט,
חתונה געהאט אין פראנקפורט, טאקע מיט זיינע א
קוזינע שארלאט, די טאכטער פון קארל מאיר ראט-
שילד. ס'איז געווען א גרויסע שמחה און דער פא-
מיליע און ס'פערשטעהט זיך, אז די טאטע מאמע
פון חתן זענען געווען די הויפט-מחותנים. אבער
נאך דער חתונה איז געקומען א פערשטערונג פון
דער שמחה, דער פאטער פון חתן, נתן מאיר ראט-
שילד איז קראנק געווארען. מען האט צו איהם גע-
בראכט די גרעסטע דאקטוירים פון דייטשלאנד, אבער
זיי האבען איהם נישט געקענט העלפען. מען
האט אויך איבערגעבראכט א גרויסען דאקטאר פון
לאנדאן, און ער האט אויך נישט געקענט פערלענ-
גערן זיינע יאהרען. ער איז, ווי שוין געזאגט, גע-
שטארבען דעם 28. יולי 1836. עס איז נאך געווע-
בייטאג, אבער זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען:
„גוטע נאכט", געזאגט צו זיין פרוי. מען האט זיין
טויטען קערפער געבראכט קיין לאנדאן און דא האט
מען איהם מספיד געווען אויפן בית-עולם פון דער
גרויסער שוהל.

יודיש טעאטער אין אדעס, קיעוו, מאסקווע און בירא-בידזשאן

די צרות פון יודישען טעאטער אמאל אין צארישען רוסלאנד און זיין נחת אין היינטיגען ראטען-פערבאנד. — ווי דאס טעאטער ווערט מיט אלץ בעזארגט. — א בעזוך אין יודישע טעאטערס אין סאוועט-רוסלאנד.

רייזע - איינדרוקען

פון י. חייקין

איינע פון די מזל'דיגסטע אינסטיטוציעס אין
אויעטען-רוסלאנד איז, אהן ספק, דאס יודישע
עאטער. צום ערשטען מאל זינט אונזער שפראך
ז געווארען ביהנע-פעהיג האט א גרויסע מלוכה
ויף זיך גענומען אויסצוהאלטען אויפ'ן שעהנסטען
ופן אלע יודישע טעאטער ארבייטער און געבען
ער יודישער שוישפיל קונסט די מעגליכקייט צו
ערגרייכען די העכסטע שטופע, צו וועלכער איהרע
קטיארען, רעזשיסארען און דראמאטורגען קענען
ך און זייער פובליקום דערהויבען.

פון די ערשטע בערדיטשעווער „קאנצערטען",
ובענישע קרעטשמע זינגער און בדחנים, ביז די
דישע מלוכה-טעאטערס פון סאוועטען רוסלאנד
יז נישט קיין ענטוויקלונג פון מעהר ווי זעכציג
אהר, נאר אנ'אמת גליקליכע פערוואנדלונג, וואס
אר א גרויסע איבערקעהרעניש אויפ'ן שטח פון
ן זעקסטעל וועלט האט מעגליך געמאכט. געצויילטע
קטיארען, מוזיקער און אנדערע יודישע טעאטער
לייט, וואס געניסען איצט, אויף די עלטערע יאה-
ען, פון דער מעגליכקייט אנצוהאלטען זייער ארבייט
פאר דער רעוואלוציע איז דאס יודישע טעאטער
ער געווען א וואגא-בונד, אפהענגיג פונ'ם חסד פון
נדעסטען פאליציימייסטער און איספראווניק. פאר
ער דעמאלסדיגער מאכט האט די יודישע ביהנע
עמוזט תמיד טראגען א טייטשמערישע מאסקע;
ודישע טרופעס האבען געמוזט פיגורירען, ווי „יו-
יש-דייטשע", ווייל די יודישע שפראך איז געווען
ערבאטען אין טעאטער פון צארישען רוסלאנד.

פון האלב-וואנדערנדיגע, ציגיינער - ארטיגע
רופעס, זענען די יודישע טעאטער-געזעלשאפטען
ערהויבען געווארען רעכטליך צו א פאזיציע אין
יין שורה מיט'ן מאסקווער קונסט-טעאטער, מיט
לע אנדערע קינסטלער געזעלשאפטען. פערשוואונ-
ען איז די מורא, אז וועלכער עס איז פאליציסט
קען איבעררייסען א פארשטעלונג און פערמשפט'ן
עם גאנצען בעשטאנד טעאטער-לייט צו הונגער.
איזעקגעפאלען איז די נויט צו כאפען א קוק דורך
א שפעלטעל אין פארהאנג, פאר דער פארשטעלונג
צי עס איז דא אנ'עולם אין טעאטער, צי עס איז
דא פרנסה.

איינע פון די גרעסטע מלוכות פון דער וועלט
פערזארגט איצט די יודישע טעאטער טוערס. אלץ
וואס זיי דארפען נאר טון, איז — שפילען טעאטער
אויפ'ן קינסטלערישסטען און קולטורעלסטען שטייגער.
פון רעזשיסאר ביז'ן כאריסט, פון דער פרימא-
דאנא און העלדען-ראליסט ביז דער יונגסטער טענ-
צערין, פון דיריגענט ביז די גארדעראב לייט און
פאריקמאכערס הינטער די קוליסען — דארף איצט
קיינער נישט זארגען פאר קיין אנדער זאך, ווי
לייסטען דאס בעסטע — לויט זייערע כוחות און פע-
היגקייטען — פאר'ן דאנקבארען עולם.

און דאס יודישע טעאטער איז בעזארגט נישט
בלויז מיט חיונה איצט, נאר מיט לעהרער, וועגווייזער און א גאנצער שול-סיסטעם, וואס קולטיווירט
און ציוויליזירט אלע ביהנע ארבייטער היינט, און
גרייט צו געבילדעטע טאלאנטפולע פרישע כחות
פאר דער צוקונפט. צום ערשטען מאל אין דער
געשיכטע פון יודישען טעאטער האבען די דארטיגע
יודישע אקטיארען געקראגען די מעגליכקייט צו
ארביימען שטענדיג אונטער דער השגחה פון קינסט-
לעריש-צוגעגרייטע רעזשיסארען, וואס האלטען די
אויפפיהרונגען אויף א הויכער מדרגה.

אמת, עס איז אנגעקומען פיל עלטערע שוישפי-
לער שווערליך צוצוגעוואוינען זיך צו זיי נייע
מארעס פון פאלגען א רעזשיסאר, טראכטען נישט
בלויז פון דער אייגענער ראלע, נאר פון צוזאמען-
שפיל מיט'ן גאנצען אנסאמבל, הערען לעקציעס,
יועגען דראמע און דערגענצען אין אלגעמיין די
מאגערע ביסעל בילדונג פון די יונגע יאהרען. אבער
איצט האבען אפילו די עלטסטע טעאטער-לייט פער-
געניגען פון די דאזיגע איינפיהרונגען.

די רעגירונג האלט אויס שטענדיגע יודישע טע-
אטערס אין מאסקווע, קיעוו, מינסק, פאר די אויטא-
נאמע ראיאנען אין אוקראינע און קרים און אין
בירא-בידזשאן. אין מאסקווע, קיעוו און מינסק זע-
נען אויך דא ספעציעלע דראמאטישע שולעס, וואס
גרייטע צו שוישפילערס און רעזשיסארען פאר די
איצטיגע יודישע טעאטערס און פאר די וואס וועט
לען נאך צוקומען מיט דער צייט. די דאזיגע שולען
שטעהען אונטער דער אויפזיכט פון בילדונגס-מיני-
סטעריום. זייער לערן - פראגראם איז גלייך
מיט די לערן - פראגראמען פון אלע אנדע-
רע דראמאטישע טעכניקומס אין סאוועטען-פער-
באנד. דער בילדונגס-צענז ביים אריינקומען איז
אויך דערזעלבער, און די גראדואירטע ווערען גע-
רעכענט צווישען די בעסטע יונגע קינסטלער, וואס
דער סאוועטען-פערבאנד פערמאגט.

געגאנגען בין איך צו אלע יודישע טעאטער-
פארשטעלונגען — פון אדעס ביז בירא-בידזשאן —
מיט גרויסע דערווארטונגען. עפעס זענען זיי דאך
אלע לויטער קונסט-טעאטערס! און דעם אמת גע-
זאגט, בין איך געווען היבש אנטוישט.

אין די טרופעס פון מאסקווע, קיעוו און אדעס
זענען די ווינציגע אמת-טאלאנטפולע שוישפילער
אלע פון עלטערען דור. בלויז אין בירא-בידזשאן האב
איך געהאט דעם מזל צו זעהן אין פיל-צוזאמענדיגע
יונגע שוישפילערין און עטליכע מעהר ווי געוועהנלי-
כע יונגע שוישפילער. די רעזשי אומעטום האט גע-
וויזען פיל הארמאניע, אבער גאר קנאפע דער-
גרייכונגען. נאר דער רעפערטואר איז נישט רייכ-
כער ווי אין אונזערע יודישע טעאטערס, אין די
ערגסטע יאהרען.

די אדעסער יודישע טרופע פערנעמט דאס
טעאטער, וואס האט געהערט אמאל צום בעריהמטען
רוסישען אקטיאר און רעזשיסאר גלאגאלין, וועלכער
איז געווען אין גלות אין אמעריקא און האט רעזשי-
סירט פאר מאריס שווארץ, מיט יאהרען צוריק,
אנ'אויפפיהרונג פון לאפעס דעוועגאי'ס „גערטנער'ס
הונט". האט זיך גראד געמאכט, אז דעם פריהלינג
האט מען אין אדעסער טעאטער אויך געשפילט די
דאזיגע מיטעלאלטערליכע פיעסע פון דעם פערציי-
טיגען שפאנישען דראמאטורג, וועלכער האט אין
א קורצער צייט בעוויזען אנצושרייבען נישט ווי-
ניגער ווי עטליכע טויזענט טעאטער-ווערק.

דער נאכט-רעזשיסאר, א. גובערמאן, האט איז
אדעסער יודישער טעאטער געוואלט ווייזען מייער-
כאלדישע קונצען, איז זיין אויפפיהרונג ארויסגעג-
קומען א — פערזעהעניש. איבער דער רעזשי איז
די ארבייט פון די שוישפילער מעהרסטענס געווען
ערגער ווי שלעכט.

א. י. בלגאזא, א בעריהמטע אקטריסע, וואס
האט זיך דערדינט צום טיטול „פערדינסטפולע קינסט
לערין פון דער רעפובליק" אין אוקראינע, האט גע-
שפילט די הויפט-ראלע, און איהר שפילען איז גע-
ווען גאר נישט איינגעגעבען דאס מאל. אויף דער
ביהנע דערמאהנט זי, מיט בעוויסע מאניערען, אז זער
בעלא באלערינא, נאר באלערינא איז וועגעליכער
און בעוועגליכער.

נאר איין עלטערער אקטיאר, ג. קושטשינסקי,
וואס האט געשפילט אנ אומבעדייטענדע ראלע, האט
זיך אויסגעדרעהט פון רעזשיסארישען איינפלוס, און
עס איז געווען א פערגעניגען איהם צו זעהען.

אין קיעוו האב איך געזעהען יעקב גארדין'ס
„מירעלע אפרת", מיט אנ'איבערגעשריבענעם פער-
טען אקט, וואס האט קנאפ וואס סאוועטיזירט די
אלמע, וואויל בעקאנטע, פיעסע. אלץ וואס דער
סאוועטישער „אפפרישער" האט אין דער דראמע
געביטען, איז אלץ וואס ער האט צוגעשריבען, האט זיך
נישט אנגעהויבען צו קלעפען צום גארדין-טעקסט,
און די רעזשי איז געווען געראטען אין דער בע-
ארבייטונג.

א. יע. סאנץ, אויך א „פערדינסטפולע שויי-
שפילערין פון דער רעפובליק" אין אוקראינע, איז
געווען די „מירעלע". איהר שפילען האט געוויזען,
אז זי איז א דערפאהרענע אקטריסע, וואס ווייס אלע
קונצען פון פאך, נאר דאס מאל איז די רעזשי-
געווען אין וועג מיט אנ'אויפפאסונג, וואס האט
געשטערט דער פרוי סאנץ צו זיין גערעכט צו איהר
ראלע, אין אלע אקטען.

דער אלטער יודישער ארטיסט, י. י. ליבערט,
האט געגעבען א גוטען „שלמון", וואס דער אויפ-
פיהר-רעצעפט האט זיך נישט געפלאנטערט אונ-
טער די פיס. ל. יו. קאלמאנאוויטש, א „פערדינסט-
פולער קינסטלער פון דער רעפובליק" — איז געווען
א שאבלאנער שכור און כניאק, און דער ראלע פון
נחומ'צע חנה דבורה'ס. די איבעריגע שוישפילער
אלע יעגיע אקטיארען, האבען זייערע ראלע נאך
ערגער איבערגעפיהרט.

אין מאסקווע האב איך געזעהען: שלום עליכם'ס
„צוויי הונדערט טויזענט"; ל. מ'זאנדראנצעוו'ס
„כותל-מערבי", און ל. גאלקינ'ס איבערזעצונג, און
שעקספיר'ס „קעניג ליער".

ביי דער ערשטער פארשטעלונג האט יענעם
אוונט די ראלע פון „שימעלע סאראקער" געשפילט
נישט מיכאעלס, נאר די בעריהמטער יודישער
„פאלקס-קינסטלער פון סאוועטען רעפובליק", נאר
זיין ווייניגער בעריהמטער קאלעגע, דער „פע-דינסט-
פולער קינסטלער פון דער רעפובליק" — גאלד-
בלאט. זיין אויפפאסונג איז געווען עכט פאלקס-
טימליך, „שימעלע" איז ביי איהם ארויסגעקומען
דער ליבער „אמכא — שער און אייזען!" פון דעם
שלום-עליכם'דיגער כוואדציע. די איבעריגע מענ-
שען אויף דער ביהנע האבען געהאפעט אויף דריי-
פלאכען, געשפרונגען ווי די צאפעס, זענען געהאר-
גען פון הויכע באלקאנס. אפשר איז דאס אלץ עכט
מייערכאלדיש, אבער צו דער פיעסע האט זיך דאס
שפילען געקלעפט ווי אנ'ארבעס צו דער וואנט.

„כותל מערבי" איז געווען א נישט איבעריגע
געלונגענער שארזש פון ארץ-ישראל לעבען. נישט
מעהר ווי צונויפגעקלעפטע צייטונגס-אויסשניטען
פון דער סאוויעטישער פרעסע. פאר וואס א יודישער
דיכטער האט זיך גענומען די מיה צו איבערזעצען
אזא נישטיגקייט און אנ'ערנסטע טרופע האט פער-
שווענדעט כחות זי אויפצופיהרען — איז שווער צו
פערשטעהן.

„קעניג ליער" האט געמאכט א פוראר אין
מאסקווע.

דער גאנצער אנסאמבל איז דרעסירט געווארען
פון מיכאעלס'ען אזוי גרינטליך, אז די שפיל האט
נישט געקאנט אויף א סעקונדע ארונטער פון טאן.

(ווייטער זעה 11-טע זייט)

צווײ חבר'טעס

עס איז א טרויעריגע געשיכטע, אבער זי קאן אמאל פּאַסירן צווישן מענטשן,— וואָס ווען זיי לעבן צוזאַמען זיי געווען צו זיין ווי א פּראָסט פאָלק פון אנהויב ביז'ן סוף, ווייל מ'קאן פון איהר א סך לערנען.

א יודישער קירזשנער אין דאָרף מיידאַן.

אין מאָהילעווער גובערניע, פּאָפּצעווען וויאַרסט פון שטעטעלע ליבאַוויטש, איז דאָ א דאָרף, הייסט עס מיידאַן, האָט וואוינט מיט יאָהרען צוריק געלעבט א יוד א קירזשנער, וואָס פלעגט מאַכען גוי'אישע פּעלצען, אבער ער איז געווען א גרויסער אָרימאַן.

דער קירזשנער האָט געהייסען ראובן און זיין ווייב האָט געהייסען פּינע, און זיי האָבען געהאַט נאָר איין טאָכטער, איינציג איין קאָפּ, און כאָטש זיי זענען געווען נאָר דריי מענשען, האָבען זיי דאָך א סך מאָל געהונגערט.

אין מיידאַן האָבען געלעבט א הונדערט יודישע פאַמיליעס.

אין שכנות מיט ראובן דעם קירזשנער האָט געוואוינט פאַר פיל יאָהרען א יוד מלמד, וואָס פלעגט קנעלען מיט די מיידאַנער יודישע קינדער, און ער איז דערפון אויך נישט געגאַנגען אָנגעטון אין קיין זיידענע מלבושים. ער האָט קוים געמאַכט אויף שבת און געגאַנגען איז ער מיט זיין ווייב און זייערע דריי קינדער קרועה-בלואה, אפּגעריסען און אפּגעשליסען אזוי ווי בעטלער.

דערפון קאָן מען זיך פאַרשטעלען די גליקען, וואָס דער מיידאַנער מלמד האָט געמאַכט פונעם מייטעל.

ראובן קירזשנער'ס טאָכטער, צירעל, אזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין ברודער און קיין שוועסטער, האָט זיך דער פאָטער איהרער פאַר א סך יאָהרען געשיקט צום מלמד לערנען, גליך ווי זי וואָלט געווען א יונגעל.

פון אפּזאָגען א בלעטעל עברי איז אפּגערעדט, זי האָט שוין אפילו געקענט אפּלערנען א פּרשה חומש מיט רש"י.

צירעל איז אזוי לאַנג געגאַנגען צום מלמד אין חדר אריין לערנען, אז זי איז שוין געוואָרען ביים מלמד אין הויז א גאַנצער „בן-בית" און זי פלעגט דאָרט איבערליגען גאַנצע טעג.

צירעל האָט זיך באַפריינדעט מיט'ן מלמד'ס א מיידעל, וואָס איז אויך געווען אין איהרע יאָהרען, און זיי זענען בקרוב געוואָרען די בעסטע חבר'טעס אין גאַנצען שטעטעל.

דעם מלמד'ס טאָכטער האָט געהייסען שפּרינצע, און זי איז אויך געווען א גוראָטנע, און האָט זיך געפּאַסט צו זיין א חבר'טע צו צירלען.

ביידע מיידלעך זענען כמעט געוואַקסען צוזאַמען. יעדען טאָג אין דער וואָך האָבען זיי זיך געזעהן צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געשפּילט און צוזאַמען פאַרבראַכט, ביז זיי זענען ביידע צוגעקניפּט געוואָרען איינע צו דער אַנדערער און זענען ביידע געוואָרען ווי איין נשמה.

צירעל און שפּרינצע זענען חברטעס

אזוי זענען זיי ביידע געוואַקסען צוזאַמען, ביז זיי זענען אלט געוואָרען אַרום פערצען-פופצען יאָהר, דאַן האָט מען שפּרינצע'ן פאַסירט אזוינס, וואָס האָט די ביידע חבר'טעס נאָך מעהר צוזאַמענגעבונדען.

שפּרינצע'ס טאַטע-מאַמע זענען ביידע געשטאָרבען אין איין טאָג, האָט דער שכן זייערער, ראובן דער קירזשנער פאַר רחמנות, דערוויל גענומען שפּרינצע'ן צו זיך אין הויז אריין, וואו זי איז שוין פאַרבליבען מיט זיי וואוינען ווי אַן'אייגענע טאָכטער.

שפּרינצע'ן איז אין איהר לעבען קיינמאָל אזוי גוט נישט געווען ווי איצט, ביי צירלען אין הויז זי האָט נישט בעדאַרפט טון א האַנט אין קאַלט וואַסער, ווייל צירל'ס מוטער האָט זיך נישט געוואָלט שאַפען מיט קיין יתומה. האָט שפּרינצע, זינט איהרע טאַטע-מאַמע'ס טויט געלעבט ווי א פריינער פויגעל.

אזוי יאָהר איין, יאָהר-אויס, ביז די ביידע מיידלעך זענען שוין געוואָרען דערוואַקסענע „פאַריש-ניעס" און ביידע האָבען שוין בעדאַרפט האָבען חתנים.

צירל איז דאַן אַלט געווען צוואַנציג יאָהר און שפּרינצע — ניינצעהן.

מאַכט זיך אזא געשיכטע:

כל זמן צירעל'ס מוטער האָט געלעבט, האָט זי אכטונג געגעבען אויף ביידע מיידלעך, אז ס'זאָל, חס-ושלום, מיט זיי קיין שלעכטס נישט פּאַסירען, און זי האָט זיי ביידען געהיט ווי מען היט די אויגען אין קאָפּ, איז אבער צירל'ס מאַמע אוועקגעשטאָרבען, און געשט איצט איז שפּרינצע איבערגעבליבען א יתומה...

פון זיין ווייב'ס טויט איז ראובן דער קירזשנער אַרומגעגאַנגען א לאַנגע צייט זעהר דערשלאָגען, ער איז אריינגעפאַלען אין א מעלאַנכאָליע און ער האָט צו קיינעם א וואָרט נישט גערעדט, האָט דאַן, אין יענעם יאָהר, ווען ראובן דער קירזשנער האָט גע-טרויערט נאָך זיין ווייב, געטראָפען מיט שפּרינצע'ן אַן'אומגליק:

שפּרינצע פערפיהרט א ליבע

זי האָט פערפיהרט א ליבע מיט א „פּאַרמאַ-צעווט", וואָס איז צו יענער צייט געהאַט אַרונטער-געקומען קיין מיידאַן, און דער סוף איז געווען, אז ווען שפּרינצע האָט זיך שוין דערפיהלט אין פערטען חודש און זי האָט, פּערישטאַנען זיך, דעם סוד פער-טרויט איהר געליבטען, איז ער נעלם געוואָרען אָהן א זיי-געזונט פון שטעטעל, און מעה זוך דעם נעכ-טיגען טאָג.

שפּרינצע האָט דערזעהן, אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז, האָט זי זיך געוואָלט א מעשה אנטון, זי האָט זיך געוואָלט אויפהענגען פאַר פערדרוס און פאַר בושה, און ווען נישט איהר חבר'טע צירעל, ווער ווייסט, ווי אזוי שפּרינצע וואָלט טאַקע געווען געשענדיגט.

צירעל האָט שפּרינצע'ן אויסגערעדט און זי האָט איהר געטרייסט.

שפּרינצע האָט זיך געשעמט צו ווייזען זיך אין איהרע אומשענדען אויף דער ליבטיגער וועלט, פלעגט מיט איהר צירעל אָפּזיצען וואָכען-לאַנג אין הויז, און אויך נישט אַרויסגיין אין דרויסען.

אזוי חודש איין און חודש-אויס, ביז שפּרינצע איז געוואָרען אויף חנר צייט, איז געלעגן געוואָרען און האָט געהאַט א יונגעל.

ביים קירזשנער אין הויז האָט מען געמאַכט א שטיקלען ברית און מ'האָט דעם יונגעל א נאָמען געגעבען. ווען דער מוהל מיט א מנין יודען האָבען זיך מתעסק געווען ביים ברית, האָט די יונגע מאַמע, שפּרינצע אין צווייטען אַלקער, אזוי געוויינט, אז דאָס דאָס הויז שיער נישט צעגאַנגען. ליבען איהר בעט איז געשטאַנען איהר חבר'טע צירעל און האָט מיט איהר מיטגעוויינט אויף איהרע צרות. עס איז דאַן ביים קירזשנער אין הויז געווען נישט ווי ביי א ברית, נאָר ווי צו א לויה...

ווען שפּרינצעס יונגעלע איז אַלט געוואָרען א יאָהר, האָט זי בעשלאָסען אוועקצופאָהרען פון מיי-דאַן אין א גרעסערער שטאָט, מיט דער האָפנונג צו-צושלאָגען זיך צו עפּעס.

כל-זמן זי איז נאָך געווען אליין, מילא, האָט זי געגעסען ביי צירעל'ס פאָטער אין הויז, כאָטש נאָך דאַן האָט זי נישט איינמאָל געפיהלט, אז זי בע-געהט א פערברעכען, וואָס זי לאָזט זיך אויסהאַלטען פון דעם אומגליקליכען אָרימען קירזשנער. ווער שמועסט איצט, אז זי האָט נאָך געהאַט דאָס קינד, האָ זי זיך אוודאי און אוודאי נישט געוואָלט אַנ-וואַרפען אויף דעם קירזשנער'ס פּלייצעס.

צירעל מיט איהר פאָטער האָבען זיך. גראָד ביי שפּרינצען געבעטען, אז זי זאָל נישט אוועקגייער פון זייער הויז און זי זאָל אויך ווייטער זיין מיט זיי צוזאַמען, אבער שפּרינצע האָט בעשלאָסען איינ-מאָל פאַר אַלע מאָל, זי וועט אוועקפאָהרען אין אַנ'-אַנדער שטאָט און וועט פערדינען אויף אויסצוהאַל-טען זיך מיט איהר קינד.

אײנע האט געזינדיגט און די אנדערע האט בעקומען די שטראף.

שפּרינצע לאָזט איבער איהר קינד ביי צירלען

אבער איין זאַך איז אזא געווען, וואָס שפּרינצע האָט געבעטען ביי צירלען, אז זי זאָל איהר טהון א טובה: אז זי, שפּרינצע, זאָל ביי איהר איבערלאָזען איהר יונגעלע, ביז זי וועט זיך צו עפּעס צושלאָגען, דאַן וועט זי קומען און וועט דאָס יונגעלע נעהמען צו זיך.

און אזוי איז עס געבליבען.

שפּרינצע איז אוועקגעפאָהרען און האָט איבער-געלאָזט איהר יונגעלע ביי צירלען אין הויז, און עס האָט געהייסען, אז אזוי גיך ווי זי וועט זיך נאָר צו עפּעס צושלאָגען, וועט זי קומען און אוועקנעהמען דאָס קינד צו זיך.

אבער וואו וועט שפּרינצע נעהמען אויף הוצאות אויף אוועקצופאָהרען פון שטעטעל? — האָט איהר צירעל דאָס אויך פערזאָרגט:

צירעלס מוטער האָט איהר איבערגעלאָזט א שני-רעל פּערל, וואָס איז שוין פון עטליכע דורות אי-בערגעגאַנגען בירושה פון האַנד צו האַנד און אפילו אין די ערגסטע צייטען, ווען אין הויז איז נישט גע-ווען קיין קרישקע ברויט, האָט צירעלס מוטער נישט געוואָלט פערזעצען די פּערל, אזוי טייער זענען די פּערל ביי איהר געווען.

אבער צירעל האָט אפילו נישט איבערגעטראַכט קיין איין מינוט און האָט צוליב איהר חבר'טע פער-זעצט דאָס שנירעל פּערל און האָט שפּרינצען אָפּ-געגעבען 25 מזומנ'ע קערבלעך, זי זאָל האָבען מיט-צונעהמען אין דער פרעמד אריין.

ביידע חבר'טעס האָבען זיך געזעגענט און שפּרינ-צע איז אוועקגעפאָהרען פון מיידאַן און האָט איבער-געלאָזט איהר יונגעלע אויף צירעלס הענד.

געהייסען האָט עס, אז שפּרינצע פאָהרט אוועק קיין מאָהילעוו זוכען אַרבייט און נאָר אין ניכען וועט זי שיקען, אדער קומען נאָך איהר קינד.

דערוויל איז צירעל געוואָרען א מאַמע צום קינד: זי האָט עס געוואַשען, געשפּאַרען, געהאָדעוועט און עס אפּגעהיט ווי אַן'אייגען קינד.

צירעל איז דאָך אליין געווען נאָך א יונג מיידעל און עס האָט זיך איהר געגליסט צו לעבען אויף דער וועלט, אבער זי האָט געמוזט א סך פון איהרע פער-געניגענס פערפאַסען צוליב איהר חבר'טעס קינד.

זי האָט איהר גאַנצע צייט אָפּגעגעבען צום קינד. גאַנצע טעג פלעגט זי זיך דערמיט אַרומפיהרען און עס פלעגען ווי אַן'אייגענע מאַמע, און אויף דער נאַכט, ווען זי האָט דאָס קינד געלייגט שלאָפען, איז זי ערשט דאַן נישט אָפּגעטראָטען פון קינד א שפּאַן, מיט דער מורא, עס זאָל חלילה דעם קינד נישט טרעפען עפּעס קיין שלעכטס.

צירעל האָט זיך אַליין געטראַכט:

שפּרינצע איז שוין נעבעך געשטראָפט פון גאָט, אז זי האָט דערלעבט צו האָבען אַן'אומגליקליך קינד, און אז זי דאַרף אליין אנהויבען צו זאָרגען פאַרן קינד און פאַר זיך, פאַרוואָס-זשע זאָל זי איהר נישט אַרויסהעלפען אין א נויט? זי ווײַס דאָך דאָס קינד נישט לאָזען ביי איהר אויף לאַנג, נאָך א וואָך, נאָך א וואָך, און זי וועט מסתמא באַלד קומען דאָס קינד אַפּנעהמען.

אבער דערוויל זענען אוועקגעגאַנגען נישט נאָר וואָכען און חדשים, נאָר א האַלב יאָהר און א יאָהר, אַט איז שוין א יאָהר און צוויי און דריי, זינט שפּרינ-צע איז אוועקגעפאָהרען און עס האָט געהייסען, אז אַט-אַט קומט זי נאָכן קינד, אבער עס איז א מעשה אָהן א סוף, שפּרינצע שרייבט גראָד זעלטע בריף צו צירלען און דאַנקט איהר זעהר פאַר האַלטען דאָס יונגעלע, און פערענטפערט זיך, אז זי קאָן דערוויל

שפּרינגענדע געשיכטעס פון אמתן לעבען

פון ה. אקערמאַן

נישט קומען נאָכן קינד, אבער זי בעט איהר שטאַרק נישט ברוגז צו זיין אויף איהר און אריינגעהן אין איהר לאַגע. און אין אַלע בריף האָט זי צירלען גע-שריבען, אז אַט-אַט קומט זי און וועט זי בעפרייען פון דעם יאָך, וואָס זי האָט אויף איהר געלאָזט.

דערוויילע איז דאָס יונגעלע אַלט געוואָרען פיר יאָהר און פינף יאָהר און פון שפּרינצען — נישט צירעל הערט, נישט זי זעהט.

מען הערט נישט א וואָרט פון שפּרינצען

אמאָל פלעגט זי איהר נאָך שרייבען און זיך פער-ענטפערען פאַר איהר, אבער שוין זינט א יאָהר, אז פון שפּרינצען איז נישט אָנגעקומען צו צירלען קיין איינגעטונקטע פען — איז צירעל אַרומגעגאַנגען ווי עָהן א קאָפּ פאַר וואָרג.

צירעלס פאָטער, דער קירזשנער, איז פערשלאָפט געוואָרען און איז טעט שטאַרבען, און צירעל איז אי-בערגעבליבען איינע אליין, אַנ'עלענדע אויף דער וועלט, נאָר מיט'ן יונגעלע, וואָס איז דאַן אַלט גע-ווען זעקס יאָהר.

און צו צירעלס צער איז דאַן נישט געווען קיין ברעג און קיין סוף.

אבער אָט האָט גאָט געהאָלפען און צירעל האָט ווי עס איז חתונה געהאַט.

זי האָט נישט גענומען וועמען זי האָט געוואָלט, אבער זי האָט געדאַנקט גאָט דערפאַר, זי האָט גע-נומען אַנ'אַלמן, 15 יאָהר עלטער פון איהר, מיט צוויי קינדער, איז שוין איצט צירעל געוואָרען א באַלעבאָסטע פון א פול הויז. זי האָט שווער און ביטער געאַרבייט, זייענדיג א מאַמע צו דריי קינדער און א ווייב צו א מאַן.

און צו דער מכה איז נאָך געווען א בלאָטער: לא די, וואָס צירעל, א יונגע מיידעל, האָט איינגע-שטימט חתונה צו האָבען פאַר אַנ'אַלמן מיט צוויי קינדער, האָט ער זי נאָך דערצו שלעכט בעהאַנדעלט און איז צו איהר געווען גראָב און פרעך און כאָטש ער האָט נישט געוואוסט, ווי אזוי ס'איז צו צירלען געקומען דאָס יונגעלע, וואָס זי האָט מיט זיך מיט-געבראַכט, פונדעסטוועגען פלעגט ער איהר ווייטאָן און איהר אויפוואַרפען, אז די מעשה מיט שפּרינצען איז נאָך געווען א תירוץ, אבער אין דער אמת'ן איז עס איהר אייגען אומגעזעצליך קינד...

צירעל פלעגט אויסהערען די זלזולים און ביטער וויינען. זי האָט פון איהר מאַן געליטען עטליכע יאָהר און דער סוף איז געווען, אז זי האָט זיך מיט איהם גע'גט, און עס איז איהר פון איהם געבליבען א מיידעלע פון פיר יאָהר, וואָס זי האָט מיט איהם געהאַט.

שפּרינצע זוכט זיך אָפּ

אז שפּרינצע וועט זיך אמאָל אָפּזוכען,—פון דעם האָט שוין אפילו צירעל נישט געטראַכט. זי האָט שוין פאַר זיכער געגלויבט, אז שפּרינצע איז שוין טויט.

אבער ווי איבערראַשט איז צירעל געוואָרען, ווען איינמאָל מאַכט זיך אויף ביי איהר אין שטוב די טיר און שפּרינצע קומט אריין.

צירעל האָט געוויינט פון פערדרוס: הייסט עס מאַקע, אז זי לעבט און זי האָט איהר אומזיסט פער-שאַפט אזוי פיל יסורים... זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו רעדען צו איהר, צי זאָל זי איהר שעלטען, צי בענטשען, אבער שפּרינצע האָט זיך פאַר איהר פערענטפערט און האָט איהר דערציילט די צרות, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטען דורך דער גאַנצער צייט.

שפּרינצע האָט די גאַנצע צייט שווער געאַרבייט און זי האָט נישט געוואָלט נעהמען צו זיך דאָס קינד ס'זאָל נישט דאַרפען ליידען נויט, האָט זי זיך גיכער נישט ווייזענדיג געמאַכט פאַר עטליכע יאָהר, ביז זי האָט זיך צו עפּעס דערשלאָגען.

שפּרינצע איז שוין געווען פערהייראַט און האָט

(ווייטער זעה 11־טע זייט)

דער לעצטער...

(סקיצע)

א. מ. שמול

אז דער יונגער פאַן הערמאַן, דער אייגענטי-מער פון א גרויס גאַלאַנטעריע־געשעפט, איז גע-בליבען אליין מיט זיין שענסטער אָנגעשטעלטער מיט צביהלען, האָט ער אומגעריכט פערפיהרט מיט איהר א שמועס וועגען פערשידענע זאַכען. צביהל'ע איז עס געווען א חידוש. זי האָט געוואוסט, אז דער ווי א פּאַלמע הויכער שלאַנקער שעף גייט מיט א שטאָלצען טריט און רעדט ווייניג מיט זיינע אָנגעשטעלטע, נאָר באַלד האָט זי דערזעהן, ווי זיינע אויגען זענען מיטאַמאָל געוואָרען גרעסער און גיריג פרעסעריש ווי ביי א חיה. ס'איז איהר געוואָרען אומהיימליך אויפ'ן געמיט, געוואָלט זאָ-גען אַנ'אויסרייד און אַרויסגיין, נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט זי דערפיהלט, ווי צוויי פעסטע הענד האָבען איהר א נעם אַרום געטון... ווען ס'איז איהר קלאָהר געוואָרען, אז זי וועט זיך נישט אַרויסבעקומען פון זיינע שטאַרקע לאַפּעס, האָט זי אויפגעהויבען א געוואַלד. מענשען זענען גע-קומען צולויפען. נאָר דער שעף האָט זיך אבער נישט פערלוירען. ער האָט געהאַלטען אין איין שרייען:

— אַזאַ גנב'טע, מענשען רופט פּאָליציי, בע-גנב'ענען האָט זי מיך געוואָלט...

צביהלע איז דעמזעלבען טאָג נישט אַהיימגע-גאַנגען. אויף צומאָרגענס האָבען אַלע צייטונגען געשריבען, אז די אָנגעשטעלטע צביה מאַשקאָ-וויטש איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָכדעם, ווי מען האָט זי געכאַפּט ביי א גנבה אין געשעפט.

צביהלע איז געווען א טאָכטער פון אַנ'אַלטען קראַנקען יועבער. אז איהר פאָטער שלמהלע דער ווע-בער איז געוואָרען קראַנק אויף אַסטמע און אומ-פעהיג צו דער אַרבייט האָט זי ... זיך זיין איינציגע טאָכטער:

— זעהסט, צביהלע, דיין טאַטע איז קראַנק, קען נישט פערדינען, — האָבען זיך זיינע בלויע ליפּען אַרום דעם האַלב'פאַרגעסענעם מויל ווי א פערטרוקענטע טיפע יאַווּנד, זיך לאַנגזאַם פונאַנ-דערגעשפּרייט און ווי שטיקער פלעגמע האָבען זיך אַרויסגעריסען אַפּגעהאַקטע ווערטער: — נו, מע דאַרף דאָך לעבען, מוזט, פון היינט אָן זיין די שפּייזערין אויף מיין אָרט. אז איך האָב גע-קענט, האָב איך פערדינט...

דאָס קראַנקע פּנים זיינס, וואָס האָט געהאַט אין זיך די געלקייט פון אַראָפּגעפאַלענע פערדאַר-טע בלעטער אין הערבסט, האָט זיך פערצויגען מיט א גרימאַסע און זיינע טריבע אויגען האָבען זיך טיף איינגעגראָבען אין איהר געזיכט, ווי ער וואָלט זי ערשט בדעה געהאַט צו בעקוקען...

צביהלע איז אָנגעקומען אין א גאַלאַנטעריע-געשעפט און איז געווען זעהר צופרידען פון אַר-בייטס־פּאָסטען. דער פאָטער האָט זיך געזייל'ט ביי דאָקטוירים און ס'איז איהם בעסער געוואָרען אויף דער אַסטמע.

דעם אָוענד, וואָס צביהלע איז נישט אַהיימגע-קומען, האָבען די עלטערן שטאַרק איבערגעקלערט. פאַר אויפרעגונג האָט די אַסטמע דעם פאָטער גע-ווען שטאַרק פּייניגען. ס'ווייזט, זיסע, האָ, איהם געוואָלט בערוהיגען און געזאָגט:

— קלער נישט, שלמה, וואָס איז דאָ צו קלערען. זי שלאָפט מסתמא ביי א חבר'טע...

צומאָרגענס איז אויפן גרויסען לאַנגען הויף וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט צוויי שורות אָפּי-ציגעס, געווען א גרויס גערודער. קופּקעלעך שכנים זענען געשטאַנען, זיך שטיל געשושקעט און ארי-בערגעשיקט זייערע סודות'פולע בליקען צום ניד-ריגען הייזעל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אין א זייטיג פערוואָרפען ווינקעל, ווי אַרויסגע-שטויסען פון דער חברותא און וואו ס'האָט גע-וואוינט שלמהלע וועבער...

זיסען איז דאָס געוואָרען אויפפאַלענד און זי איז אַרויס אויפ'ן הויף. אַלע שכנים האָבען זיך אָפּגעטראָגען. בלויז איין פערשוין מיט א געל שיטער בערדעל, אַנ'אויסשרייער און אָנזאָגער פון אַלע בשורות רעות איז געבליבען שטעהן מיט דער צייטונג אין האַנד:

— פערפאַלען, זיסעל, זי מוזען דאָך עס וויסען. וואָס איז די נפקא מינא פריהער צי שפּעטער. נאָט און לייענט וועגען אייער טאָכטער...

ער האָט איהר דערלאַנגט די צייטונג. די מוטער האָט מיט א ציטער אין האַרץ גענומען די צייטונג אין האַנד אריין און מיט בהלה'דיגע אויגען געלאָפען איבער די עטליכע שורות, וואָס האָבען זיך געגומען נעפּלען און פינסטערען פאַר איהרע אויגען. זי האָט בעוויזען צו געבען א געשריי:

— מיין לאַכטיג קינד האָט נישט גע'גנב'עט, א בלבול! און איז אַנידערגעפאַלען.

נאָך זייער ביידענס טויט, איז שלמה'לע געבלי-בען איינזאַם, איינזאַם ווי דאָס הייזעל אין ווינקעל ער האָט געוואוינט. פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָ-רען קראַנקער. ער האָט נישט געקאָנט אַרומגעהן און געמוזט כסדר ליגען אין בעט, האַלב זיצענדיג, האַלב ליגענדיג. זיי אַנ'איינגעזעגטער בוים, וואָס האַלט זיך נאָך אויף עפּעס, האָט שלמה'לע אַרויסגע-קוקט דורכ'ן פענסטער מיט אַרויסגעזעצטע אויגען וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען בדעה גע-האַט אַרויסצושפּרינגען פון די לעכער און יעלכע זענען געווען אין די ווינקלען פעראַפּעט ווו דער גרינער מעך אין די ווינקלען פון זיינע פענסטער. זיינע לאַנגע הענד זענען געווען ביי־ערדיג און אויס-געטריקענט ווי צווייגען. א לאַנגער פאַרכלענדיגער הוסט, האָט זיך מיט כח פון איהם אַרויסגעריסען, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעקלאָרט א שווערע משא. ער האָט געקרעכצט:

— אוי יויי איז מיר, אוי וויי איז מיר!...

ווען עס איז איהם געוואָרען אביסעל לייכטער, האָט ער גענומען אריינטראַכטען אין זיך. ער האָט זיך דערמאַנט דעם אמאָל ווען ער איז נאָך געווען א שיינער באַלעבאָס און דער זאָגער אין דער חברה, וואו ער האָט געדאַוועט און נישט איינמאָל אפילו אַרויסגעהאָלפען א געפאַלענעם מענש. איצט האָט איהם אַרומגענומען א בענקשאַפט צו זיין ווייב און טאָכטער. ער וואָלט שוין אויך געוואָלט זיין דאָרט ווו זיי זענען. ער וויל זיך אין זיי דערמאָנען. נאָר זייערע געשטאַלטען זענען איהם עפּעס ווי להכעיס אַרויסגעפלויגען. ער האָט דערפון גרויס צער.

אין צימער הויבט אָן טונקעל צו ווערען, שאַ-טענס צולייגען זיך אויף די ווענט, דערנעהנטערען זיך צו איהם. שלמה'לע דאַכט זיך אויס, אז דאָס שמרעקען זיך צו איהם עפּעס שוואַרצע טויטע הענט. נאָר קיין פּנימער זעהט ער נישט. ער גיט יוילד א געשריי:

— ווער זענט איהר?

זיין בליק איז געפאַלען אויף די ... פּטענע גאַרדינען, וואָס האָבען פערהאַנגען דאָס פענסטער. אין די פיגורען האָט ער דערקענט די בלייכע פּני-מער פון זיין ווייב און טאָכטער און ער האָט זיך כמעט ווי דערפרייט:

— נאָך מיר טייערע? — האָט זיך זיין קאָפּ מיט'ן פערשאָטענעם געפּאַלדעוועטען שטערען א הויב געטון:

ער האָט פערזשמורעט זיינע פעראַפּעטע אויגען און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט ווי די פיגורען דאָרטען אויף די גאַרדינען האָבען זיך בעוואוגען און טרויעריג געשאָקעלט מיט די קעפּ:

— יא שלמה'לע, יא טאַטע, מירן געקומען נאָך דיר!...

רעכט און לעבן

יורידישע בײַלאַגע פון „נײַעם פאָלקסבלאַט"

נאָטיצן

נאָכוויי‏הנישען פון דער דירה-געלט רעדוקציע

שווערע און לאַנגע אָנשטרענגונגען האָט געקאָסט דעם לאָקאַטאָרענטום ביז ס'איז איהם געלונגען אַרויסצורײַסן די רעדוקציע פון דירה-געלט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די גרויסגעפּרעסטע רעדוקציע איז אַ פּעשיידענע, לויט די איצטיגע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישע. זאָגאַר אַ נ שטיגע איז יי פּערפליכטעט שוין פאַר 3 חדשים, קאָנען טייל ווירטס לײַט נאָך אַלס נישט פאַרגינען זייערע לאָקאַטאָרען אַפילו אַט די חערמאָרהאַטע מינימאַלע הנחה.

מיט כּל'ערליי מיטלען פּרובען זיי צו ווירקען אויף די לאָקאַטאָרען, אַז זיי זאָלען צייטווייליג רעזיג ניחען פון דער בערעכטיגטער רעדוקציע און אַז די אַלע אָנגעוואָנדענע בעאייפלוסונגען ברענגען נישט די געהעריגע פּעולה, כאַפּט זיי זיך צו פאַלשע מ'ע-המצאות:

זיי פערפיהרען פלוצלונג פּראָצעסן וועגען פעסטשטעלען דאָס גרונד דירהגעלד און דערביי פּערלאַנגען זיי בפּיון אַן'איפּערגעטריבענע סומע, ווייסענדיג, אַז די טעריסטען ערלעדיגען אַ'ע'לכע ענינים אויף אַ קאָמפּראָמיסליכען אופן ממילא וועט זיך זיי שוין מסתמא עפּעס צו קלעבען זים איצטיגען דירה-געלד.

אַזעלכע פּראָצעסן וועגען פעסטשטעלען דאָס גרונד דירה-געלד נעהמט לעצטענס אָן ממש אַ מאַסען כאַראַקטער.

די דאָזיגע טאַקטיק פון די ווירטשאַפטליט דאַרף אויפן שאַרפסטען אופן געטאַדעלט ווערען.

ס'איז דאָך באמת אַן'אומפּערציילינע עוולה, ווען מ'נעהמט מענשען, וועלכע באָדען זיך געגוג אין אַנגסטען ביז זיי בעצאָהלען דאָס איצטיגע דירה-געלד און מ'פיהרט זיי אַריין אין פּראָצעסן, אין צייט אין געלד-פּערלוסטען, רעכענענדיג בײַ איין געלעגענהייט נאָך אפשר אַ מאָל אַן'הוספה'לע אַרויס צוציהען אין דאָס בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבען די העזה צו פּערלאַנגען די געזעצליך אָנערקענטע הנחה.

אַ גרויסע צאָהל האַנדעלס - אונטערנעהמער האָט דער פינאַנצאַמט איז פּלוצלינג געוואָרען אַזוי בריט אַ 3., אַ 4. קאַטעגאָריע פּאַטענט.

קיינער ווייסט דאָך, האָסט זיך, נישט מיינען, אַז דער פינאַנצאַמט איז פּלוצלונג געוואָרע זאָזוי בּריט הערציג און מוזפה געווען מיט דער דאָזיגער הנחה יערהען קרעמער, וועלכער איז איהם טאַר געקומען אונטער דער האַנד.

מסתּמא האָט ער גוט בודק געווען און דורכגעזיפּט די רעפּליקאַנטען אויף אַזאַ הנחה און אויב נור האָט ענדליך אָנערקענט געמיצען פאַר בערעכטיגט פון איהם דאָך צו געניסען, איז ער זיכער אַ געקוועלטער, אַ האַלב רואינירטער.

אַלזאָ אַפילו דער שטרענגער פינאַנץ-אַמט האָט געמוזט לגבּי אַ געוויסע גרופּע האַנדעלס-אונטערנעהמער אַרויסווייזען פּערשטענדניש און זייערע אונטערנעהמונגען קלאַסיפיצירען צו אַ נידעריגערער פּאַטענט - קאַטעגאָריע.

זאָגען אָבער פערהאָן פיל ווירטשאַפטליט, וועלכע ווילען בשום אופן די דערמאָהנטע הנחה נישט אָנער

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטן געריכט

לאָקאַטאָרען-שוץ אויף געשעפטס-לאָקאַלען

די יורשים פון אַ געיורשנ'ט געשעפט געניסען ווייטער פון לאָקאַטאָרען-שוץ אויפן געשעפטס-לאָקאַל. אויף וויפיל זיי ענדערען נישט דעם כאַראַקטער פון געפיהרטען געשעפט, ד. ה. זיי וואַרפען זיך נישט איבער אויף אַ טייער בראַנזשע.

דערהגענצען דאָס געשעפט מיט אַ נייעם אַרטיקעל פערשטעלערען אָדער אויסברייטערן דעם פערנעהם פון געשעפט היסט נישט ענדערען דאָס געשעפט.

ענדערען דעם כאַראַקטער פון געשעפט, הייסט אויך נישט אין דעם פאַל, אויב די יורשים נעהמען זיך צו אַ שותּף צום געשעפט.

עהרליכע וואָג.

אפילו ביים אויסאַרבּייטען אַרטיקלען, וועלכע ווערען אויף דער וואָג נישט פערקויפט, מוז פונדעסטוועגען בענוצט ווערען אַ לעגאַליזירטע וואָג מיט לעגאַליזירטע געוויכטער.

צינזען פון שטייערן

אויב מ'געווינט צוריק פון פינאַנץ-אַמט נישט בערעכטיגט אויפגעמאָהנטע שטייערן, בעקומט מען צו 4 פּראָצענט צינזען.

דער זעלבער פּלל גילט אויך, ווען לויט אַ דעקרעט־לאַנגטען רעקורס אין דער אויסמעסט רעדוציר-געוואָרען.

עקסמיסיע - מאַראַטאָריום

דער מאַראַטאָריום אויף עקסמיסיעס צוליב געלד אונטערשטעלונקייט ווערט עתטיילט בלויז צייטווייליגע אַרבּייטסלאָזע.

אַלענפאַלס אַרבּייטסלאָזע ביז אַ יאָהר קאָנען נישט בעטראַכט ווערען פאַר דויערהנדע אַרבּייטסלאָזע.

אורלויבען פאַר גייסטיגע אַרבּייטער

אין פאַל, ווען אַ גייסטיגער אַרבּייטער ווערט געקינדיגט אין משך פון ערשטען יאָהר אַרבּייט אויפן פּאָסטען, גילטען פאָלגענדע כּללים בנוגע אורלויב:

ווערט ער געקינדיגט פאַר די 6 חדשים, האָט ער בכלל נישט קיין רעכט אויף קיין אורלויב. קוים קינדיגט מען איהם נאָך די ערשטע 6 חדשים, איז ער בערעכטיגט אויף אַזוויפיל 1 צוועלפטעל פון חדש'ליכען פערדינסט, וויפיל חדשים ער האָט דערנאָך נאָך אָפּגעאַרבּייט.

וועקסלען

נישט געקוקט דערויף, וואָס די צדדים האָבען מסכים געווען, אַז דער וועקסעל-חוב זאָל אויפגעמאָהנט ווערען אין געריכט פון זשיראַנט אָדער אין אויסשטעלערס וואוינאָרט, מעג דער בעזיצער פון וועקסעל פונדעסטוועגען פערפיהרען דעם פּראָצעס אין דעם געריכט, אין ראַיאָן פון וועלכען דער וועקסעל איז צאָהלבאַר.

קינדיגען אַנ'אַנגעשטעלטען

קינדיגען אַנ'אָנגעשטעלטען אָהן אַ פריהערדיגע קינדיגונג מעג מען, אויב ער איז בעגאַנגען אַ מיסהאַנדלונג געגען די אינטערעסען אָדער כּבוד פון אונטערנעהמער.

פון דער דאָזיגער רעכט מעג דער אונטערנעהמער מאַכען אַ געברויך, נאָר אין משך פון 2 וואָכען נאָכן בעגאַנגענעם טאַט, אָדער אין משך פון 4 וואָכען נאָכן דערוויסען זיך וועגען בעגאַנגענעם טאַט.

פון דערמאָהנטען כּלל מאַכט נישט דער געזעצגעבער קיין אויסנאַהם אפילו, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ גנבה.

אַלימענטען

פאַרלויפיג מעג זיך דאָס פּאָרפאָלק דורך אַ רעגיסטערעטען אַקט אויסריידען, ווער און ווי אַזוי זאָל טראָגען די פּליכטען לגבּי אויפהאַלט און דערציהען פון די קינדער.

סיי ווי קאָן יעדער פון די צד'ם שפּעטער געריכטליך אַרויסטרעטען. אויב די מאַטעריעלע לאַגע פּערבעסערט זיך אָדער פערערגערט זיך און גלייכצייטיג ענדערען זיך אויך די בּעדערפענישען פון די קינדער, אַז די אָפּגערעדטע סומע זאָל געענדערט ווערען.

פייער - קאַסע

מיטן מאָמענט, ווען אַ הויז איז פערטיג, מוז דער אייגענטימער אָנשטאַלטן פאַר נויטווענדיגע פערזיכערונגען עס אָנגענומען צו אַסעקורירען.

דאָס פעהלען פון אַנערליכע איינריכטונגען איז נישט קיין מניעה אָנצונעהמען דעם בנין צו אַסעקורירען.

קורצע אויפקלערונגען איבער אקטועלע רעכטליכע ענינים

לאָקאַטאָרען - שוץ

פערהאַן אַ בעשטימונג אין לאָקאַטאָרען - שוץ-דעקרעט, אַז אין איין שטאָט מעג מען נישט פערנעהמען קיין 2 וואוינונגען.

די דאָזיגע בעשטימונג דאַרף פערשטאַנען ווערען אין דעם זין, אַז אויב איינער פערנעהמט צוויי דירות, איז נאָר אויף איינער חל דער דעקרעט פון לאָקאַטאָרען - שוץ, דאַגעגען די אַנדערע, הגם זי געפינט זיך אויך אין אַנ'אַלט הויז, אונטערליגט זי נישט דעם דעקרעט פון לאָקאַטאָרען - שוץ, דער אויסוואַהל איז אָפּהענגיג פון לאָקאַטאָר.

ווי באַלד אַ לאָקאַטאָר, וועלכער פערנעהמט צוויי וואוינונגען, האָט איינע אין אַ נייע הויז און די אַנדערע אין אַנ'אַלט הויז, האָט די דערמאָהנטע פאַרשריפט בכלל אויף איהם נישט קיין אָנווענדונג.

רכילות

ס'פּאַסירט אָפט, אַז מ'פרעגט זיך ביי עמיצען אַנ'אויסקונפט אויף אַ געוויסער פּערזאָן און דער אינפאָרמאַטאָר, זייענדיג גראָד מיט דער דאָזיגער פּערזאָן אין פיינדליכע בעציהונגען, נוצט אויס די געלעגענהייט און ערלויבט זיך איהם צו פּערשוואַרצען.

דאַרף מען טאַקע זיין געוואָרענט אין אַזעלכע פאַלען, בכלל נישט צו געבען קיין אינפאָרמאַציעס, ווייל אויך פאַר די אַרויסגעזאָגטע אין אַ פּריוואַטען „וויוויאַד" מיינונגען וועגען אַ געוויסער פּערזאָן דראָהט צוגעצויגען צו ווערען צו שטראָפליכע פּעראַנטוואָרטליכקייט פאַר רכילות.

מיליטער - דינסט

געמעס דער חעציזיע פון דער פּאָבאָר - קאָמיסיע בנוגע דער דינסטפעהיגקייט פון אַ פּאָבאָראָווע איז נישט פערהאַן קיין אַפּעלאַציע.

פּערקלאָגען קאָן מען אָבער יאָ אַזאַ געזונדהייטליכע רעציזיע, אויב ס'האַנדעלט זיך וועגען דער אַרבּייטס - פעהיגקייט פון פּאָבאָראָוועס אַ משפּחה מיטגליד, פאַר וועלכען ער פּעמיהט זיך וועגען אַנ'אָפּליג פון מיליטער-דינסט אַלס איינציגער שפּייזער.

וואָס שייך דער מעגליכקייט צו ענדערען די בעקומענע קאַטעגאָריע דינסטפעהיגקייט, זעהט דאָס געזעץ פאָר, אַז אויב די קראַנקהייט אָדער קערפּערליכען דעפעקט, אויף וועלכען דער פּאָבאָראָווע האָט זיך פאַר דער פּאָבאָר-קאָמיסיע בעקלאָגט, האָט זיך דורך דער צייט פערערגערט אויף אַזוי ווייט, אַז די בעקומענע קאַטעגאָריע ענטשפּרעכט שוין נישט דעם איצטיגען געזונדהייטסשטאַנד, קאָן ער געשטעלט ווערען פאַר אַ נייער פּאָבאָר-קאָמיסיע.

דער אומשטאַנד פון פערערגערטען געזונדהייטס-שטאַנד מוז אָבער בעשטעטיגט ווערען פריהער דורכן סטאַראָסטווע דאָקטאָר.

וועגען ענדערען די בעקומענע קאַטעגאָריע מעגען רעסטגלייכען אויפן זעלבען אופן זיך אויך בעמיהען די יעניגע מיליטער - פליכטיגע, וועלכע האָבען בעקומען אַזאַ קראַנקהייט אָדער קערפּערליכען דעפעקט ערשט נאָך דער פּאָבאָר-קאָמיסיע.

קענען און פאָדערן וויטער פון זייערע 4. קאַטעגאָר-יעדינגע האַנדעלס - לאָקאַטאָרען דאָס פולע דירה-געלד, פערהופענדיג זיך אויף עפּעס אַנ'אורטייל פון אַ פּראָווינציעלער געריכט, אַז אַ הנחה'דיגע 4. קאַטעגאָריע דאַרף אָנערקענט ווערען פאַר אַ 3. פּאַטענט-קאַטעגאָריע און ממילא קומט נישט די 10-פּראָצענטיגע רעדוקציע.

מיר האַלטען, דאָס איז נישט מעהר, ווי אַ פּשטל די נאָוועלע פון 14. נאָוועמבער 1935 זעהט נישט פאַר אַזאַ בעשטימונג און גיט אויך נישט קיין גרונד פאַר אַזאַ דרייסטען אויסטייטש.

אויב ס'טייט וועגען דער ציטירטער נאָוועלע, און זי דאַרף דאָך זיין אין דעם פאַל איינציג מאָס-געבענד. זאָגט זי דאָך בפירוש, אַז ביי דער פראַגע וועגען רעדוקציע פון דירה-געלד וועגענדיגע וועגען אויסשלוס פון לאָקאַטאָרען - שוץ בנוגע געשעפטס-לאָקאַלען העצידירט די פּאַטענט - קאַטעגאָריע אין יאָהר 1935.

קלאָר: ווער ס'האָט געהאַט אַ 4. קאַטעגאָריע אין יאָהר 1935, דאַרף זיין בערעכטיגט אויף אַ 10-פּראָצענטיגע רעדוקציע פון דירה-געלד.

ס'איז נישט פערהאַן קיין שום יורידישער, לאָגישער און נאָך ווייניגער ווירטשאַפטליכער גרונד אויסצושליסען די הנחה'דיגע קאַטעגאָריע אונטערנעהמונגען פון דאָזיגען כּלל.

אַ פּסק-דין פון אַ שטעטיש אָדער אַפילו פון אַ קריזס - געריכט קאָן נישט ענדערין די לאַגע, ביז ס'ווערט נישט דערשיינען אַנ'אויטאָראַטיווע אויסטייטש פון העכסטען געריכט, וואָס וועט ענדערען די פּערהעלטענישען. מוז די דערמאָהנטע בעשטימונג אינטערפּרעטירט ווערען לטובת די לאָקאַטאָרען.

י. א.

ה. אקערמאַן

ער און זיינע פרויען

ראָמאַן פון יודישען לעבען

2

— און וואָס פאַר אַ נייעס האָסטו? — איז איהם סערקע פערלאָפען דעם וועג, — כאָטש עפּעס פריהליכע? — און זי האָט זיך כלומרשט פון גאָר־נישט וויסענדיג געמאַכט...

און שייקע האָט איהר געענטפערט:

— יאָ, יאָ... יאָ... זעהר גוטע נייעס... אמערי־קע... אמממעריקע... יאָסעל איז אוועק קיין אמערי־קע... אאאיך וועל אויך אוועק קיין אמעריקע... — האָט זי שייקע געטרייסט.

— אמעריקע? וואָס רעדסטו, שייקע? וואָס חלומ'ט זיך דיר עפּעס אמעריקע? ווער האָט דיר געזאָגט, אַז יאָסעל איז אוועק קיין אמעריקע?

— האָט סערקע, אַ בלייכע און אַ דערשראָקענע, אָנגעהויבען אַרויסצוציהען ווערטער פונ'ם קאַליקע און זי האָט געוואָלט ביי איהם דערגעהען אַ טאַלק, צי ער ווייסט וואָס ער רעדט...

— יאָ... יאָ... אמעריקע... — האָט שייקע ווידער איבערגעחזר'ט זיינע פריהערדיגע ריי־ד און ער האָט נאָך געוואָלט ווייטער דערצעהלען סערקען פון וואַנען ער ווייסט עס, אָבער סערקע האָט איהם איבערגעלאָזט אין מיטען גאַס און אַליין האָט זי זיך קוים דערשלעפּט צו דער בריק, וואו זי האָט זיך אַנידערגעזעצט.

אין קאָפּ ביי איהר האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען ווי מיט האַמערס, אין די שלייפען האָט איהר אָנגעהויבען צו האַקען און זי האָט נישט געוואוסט וואָס זי זאָל מיט זיך טאָן. זי האָט זיך באַלד דערפיהלט ווי אין אַ הינער־פּלעט, און משוגע'דיגע געדאַנקען האָבען זיך ביי איהר אין קאָפּ גענומען צוזאַמענ־גיסען אין עפּעס אַ מין שווערער הייסער פאַרע און האָבען איהר געבערענט דעם מח.

„יאָכע' איז אוועק? וואוהין? פאַרוואָס? און צי ווייסט דער קאַליקע וואָס ער רעדט?"

אַ פּאָר שעה איז סערקע ביי דער בריק אָפּגעזעסען און ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך נישט פאַר־מירט קיין איין קלאָרער געדאַנק, נאָר אַגעריסענע געדאַנקען האָבען זיך איהר געמישט אין קאָפּ...

ביים פאַרבער אין הויז האָט מען שוין געוואוסט וואו יאָסעל איז, און דער קאַליקע האָט פּשוט אָפּגעענטפערט סערקען, ווען ער האָט איהר געזאָגט, אַז יאָסעל איז אוועק קיין אמעריקע.

אויף'ן צווייטען טאָג נאָך יאָסעלס פּערשוואונ־דען ווערען איז אָנגעקומען אַ בריף פון עסטרייך צו יאָסעל'ס עלטערען פון זיינעם אַ פריינט, וועלכער איז אַנטלאָפען פון סלוזשבע. אין דעם בריף האָט ער געלאָזט וויסען יאָסעל'ס עלטערען, אַז ער מיט יאָסלען פאָהרען פון אַקנע גלייך אַפּ קיין אמעריקע און אַז זיי זאָלען זיך וועגען זייער זוהן גאָרנישט זאָרגען.

מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען פאַר קיינעם אין שטעטעל איז שוין נישט געוועזען קיין סוד וואו יאָסעל איז און פאַר סערקען איז קלאָר געוואָרען, אַז ער האָט זי פערלאָזט אָהן אַ זייי־געזונט, האָט זי פלוצים דערפיהלט ווי דער קאָפּ איהרער גיסט זיך אָן מיט בליי און זי האָט געהאַט אַ געפיהל, אַז זי זעהט מיט איהרע אייגענע אויגען ווי דער הימעל לאָזט זיך אַרונטער צו דער ערד...

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע שטע־טעל לאַכט פון איהר, שפּעט פון איהר און ווי יעדער וואָלט איהר אַרויסגעשטעקט אַ צונג, ווי אייגע־נע רעדט: האַ־האַ, יאָסעל האָט דיך איבערגעלאָזט.. ער האָט זיך מיט דיר אפילו נישט געזעגענט... ער איז אוועק און דו ווערסט איהם קיינמאָל נישט זעהן...

גאַנצע טעג פלעגט סערקע ליגען אַ בעהאַלטענע פון יעדען איינעם אין הויז, וואָס זי האָט זיך געשעהמט צו ווייזען איהר פּנים פאַר שאַדע אויף דער ליכטיגער וועלט, נאָר אין אוונט פלעגט זי אַרויס־געהען אין דרויסען. ווי אַ שאָטען פלעגט זי זיך דורכשלייכען איבער'ן שטעטעל...

איינמאָל... דאָס איז געווען אויפ'ן דריטען מעת־לעת זינט יאָסעל איז אוועק, איז סערקע עטליכע שעה נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען איינע אַליין איי־בער די ליפּנער געסלעך אָהן אַ ציל און אָהן אַ צוועק, נאָר זי איז געגאַנגען וואוהין די פיס האָבען איהר געטראָגען.

אין קאָפּ ביי איהר האָט געראַוישט ווי מיט ווינט־מיהלען. ביים האַרץ האָט זי געפיהלט אַזאַ שווער־קייט, אַזאַ שאַרפען וועהטאָג, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען אַזאַ וועהטאָג נישט געפיהלט...

דאָס האַרץ איז איהר געווען פערשטיינערט, זי האָט געוואָלט וויינען און האָט נישט געקאָנט.

סערקע איז געבוירען געוואָרען אין ליפּנע און איז נאָך אין ערגעץ פון דאָרט נישט געהאַט אַרויסגעפאָהרען, אָבער אין יענער נאַכט איז זי אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטעטעל ווי אַ פרעמדע, אָדער ווי אַ מענש, וואָס פערלירט דעם זכרון און געהט אַרום ווי אויפ'ן עולם התוהו.

סערקע האָט געוואָלט אַהיימקומען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע אין הויז וועלען שוין שלאָפען, ווייל זי האָט נישט געוואָלט מען זאָל אויף איהר דערקענען, אַז עפּעס איז מיט איהר געשעהען.

אָבער ווען זי איז אַריינגעקומען אַרום האַלבער נאַכט אין הויז, האָט זי נאָך געטראָפען איהר פאָטער זיצען איבער אַ ספר און לערנען.

סערקע'ס פאָטער האָט אַ קוק־טועדיג אויף איהר דערקענט, אַז זי ליידט. זי האָט איהם אַפילו נישט געדאַרפט זאָגען וואָס מיט איהר איז. דער שוחט איז געווען אַ קלוגער יוד און ער האָט פערשטאַנען, האָט ער זיך אָבער דאָ נישט וויסענדיג געמאַכט און האָט ביי איהר געפרעגט:

— סערקעניו, וואָס איז מיט דיר? ביזט קראַנק, חלילה?

— ווער זאָגט דען, אַז מיר איז עפּעס? איך בין פּשוט מיד פונ'ם שפּאַציר — האָט זיך סערקע געפּרובט פערענטפערען און האָט דערביי געפיהלט, אַז אָט־אָט צעוויינט זי זיך ווי אַ קליין קינד...

און אָט דאַן, אין יענעם מאָמענט, ווען מ'זאָל סערקע'ס פּליש געוועזן שניידען מיט שאַרפע מע־סערס, וואָלט זי נישט געווען געפיהלט; אָט דאַן, אין יענער מינוט, ווען סערקע האָט זיך בעטראַכט פאַר דער אומגליקליכסטער מיידעל איבער דער גאַנצער וועלט, האָט דער שוחט צו איהר אָנגע־הויבען צו רעדען:

— נו, טאָכטערשי, וואָס איז פאַרט דער תכלית פון דיין אַרומגעהען אַזוי? ביזט שוין אַיצ־טער, ברוך השם, נישט קיין קליין מיידעלע; ביזט שוין אַ מיידעל פון אַכצעהן יאָהר, און דיין מאַמע, ד'י צו לענגערע יאָהרען, אין דיינע יאָהרען ווען זי איז געווען, האָט זי שוין דיך געהאַט, און דו ביזט נאָך אַפילו נישט קיין כּלה...

סערקע איז געזעסען ווי אַ געפּלעפטע און האָט זיך צוגעהערט צו איהר פאָטער'ס רייד. זי האָט גע־פיהלט, ווי אַ מענש, וועמען מען גיסט אין די אויערען אַריין קאַלט וואַסער. נישט יעדען איינציג וואָרט וואָס איהר פאָטער האָט צו איהר גערעדט האָט זי געהערט. אין וואָרט האָט זי געהערט צעהן נישט... זי האָט אַבער פערשטאַנען וואָס איהר פאָטער'ס רייד בעדייטען. זי האָט געוואוסט, אַז ווען איהר פאָטער לייגט אוועק דעם ספר און נעמט זיך רעדען צו איהר, איז דאָס וועגען תכלית... וועגען אַ כלה־ווערען... וועגען חתונה־האָבען...

(פאָרטזעצונג קומט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

זונטאג, 9 | אויגוסט | כ"א מנחם אב תרצו

זון-אויפגאנג 4.23
זון-אונטערגאנג 7.06

נייער קלאפ פאר דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע

עס זענען אנערקענט געווארן נאר 25 און 50 פראצ. פון די געפאדערטע קאנטינגענטן אויף רויהען באנוועל און באנוועל-אפפאל

(אג) מיט צוויי טעג צוריק זענען פעסטגעשטעלט געווארן די קאנטינגענטן פאר די אימפארטערן פון רויה-שטאפן פארן חודש אויגוסט. די פעסטגעשטעלטע קאנטינגענטן, וואס זענען אדורכגעפירט געווארן אין שייכות מיט די ביטעס פון די אימפארטערן פון חודש יוני, האבן ארויסגערופן א אמת'ע יתומה אויפ'ן מארק. די לאדזער אימפארטערן האבן בעקומען בעדייטענד קלענערע קאנטינגענטן און נעמליך אויב עס האנדעלט זיך וועגן קאנטינגענטן אויף רויהען באנוועל, בעטרעפען זיי איין פינפטעל פון די געפאדערטע קאנטינגענטן, דער ניי-בעשטימטער קאנטינגענט פון באנוועל-אפפאל בעטרעפט נאר א העלפט פון געפאדערטען סכום.

די לאדזער אימפארטערן זענען איבערראשט מיט דער צוטיילונג פון די לעצטע קאנטינגענטן. זיי האבן אפילו זיך גערעכנט, אז מען וועט זיי נישט ערטיילען דעם גאנצען געפאדערטען קאנטינגענט, אבער בשום אופן האבן זיי נישט ערווארט, אז מען וועט זיי אנערקענען נאר 25 און 50 פראצענט פון די געפאדערטע קאנטינגענטן.

די פעראינטערעסירטע קרייזען ווייזען אן, אז דאס פערקלענערן די קאנטינגענטן איז נישט קיין צופאל, נאר עס האנדעלט זיך דא אין א בעשטימטער ריכטונג פון דער אימפארט-פאליטיק פון הער רעגירונג.

אין די אימפארט-קרייזען ווייזט מען אן, אז עס האבן געהערשט מיינונגס - פערשידענהייטען צווישען דעם דעלעגאט פון האנדעלס-מיניסטעריום און די מיניסטעריאלע פאקטארען. דער דעלעגאט, וועלכער האט די מעגליכקייט צו אבסערווירען די קאמפליקאציעס און שוועריגקייטען פון דער טעקסטיל - אינדוסטריע איז געווען דערפאר, אז די פארשלאגען פון די אימפארטערן וועגען די קאנטינגענטן זאלען בעריקזיכטיגט ווערען אין גאנצע הונדערט פראצענט, ווייל די פארשלאגען זענען געווען א מינימום, וואס איז נויטיג צו דעקען דעם געברויך פון דער לאדזער טעקסטיל.

די מיניסטעריעלע ספערען, בעזונדערס פון פינאנץ-מיניסטעריום האבען אבער ארויסגערוקט בעווארעניש'ן געגען דער הונדערט-פראצענטיגער בעריקזיכטיגונג פון די פאדערונגען פון די אימפארטערן. אלס רעזולטאט פון די דאזיגע מיינונגס - פערשידענהייטען זענען גע-קומען די איצטיגע קאנטינגענטן, וואס זענען נישט נאר א קלאפ פאר די אימפארטערן, נאר אויך פאר דער גאנצער טעקסטיל - אינדוסטריע אין לאדז און רופען ארויס א ריית קאמפליקאציעס.

עס דארף בעטאנט ווערען, אז די אימפארטערן האבען שוין געשלאסען קאנטראקטען מיט די אויסלענדישע פירמען און נישט האבענדיג די מעגליכקייט אריינ-צופיהרען דעם בעשטעלטען רויה-שטאף וועלען זיי ליי-דען היזקות, ווייל די אויסלענדישע פירמען וועלען ארויסטרעטען געריכטליך וועגען ענטשעדיגונג. א חוץ דעם וועלען נאך די לאדזער פירמען פערלירען דאס האנד-געלד.

אויסער דעם וועט אלס רעזולטאט פון די נייע צו-גאב-קאנטינגענטען פארקומען א ווייטערדיגע שטייגע-רונג פון די פרייזען אויף די האלב-פאבריקאטען (גארן) און דאס אין דער זעלבער צייט, ווען אין לאדז ווייזט א מיניסטעריאלע קאמיסיע, וועלכע פארשט אויס די סיבות פון די שטייגערונג פון די פרייזען אויף גארן

קיין ארץ-ישראל
גרופענווייז און אינדיווידועל.
ביליגע פרייזען. גוטע בעדינגונגען.
פינקטליכע בעהאנדלונג.

אויספלוג קיין
יוגאסלאוויען און אונגארן

אויסלענדישע הנחה-און קור-ציי-פעסער.
פארשטעהערשאפט פון „אינטוריסט"
אויספלוגען און רייזעס קיין רוסלאנד.
ברענגען קרובים פון רוסלאנד קיין פוילען
אינפארמאציעס ערטיילט
דאס יודישע רייזע-ביורא
Union Lloyd
Piotrkowska 42, tel. 107-87.
פארשטעהערשאפט פון „אינטוריסט"
נעמט אן דאס איבערשיקען
פעקלעך קיין ז. ס. ר. ר.

דער קאמף מיט'ן בויך-טיפוס

פערשארפטע אויפזיכט איבער'ן פערקויף פון שפייז-ארטיקלען

(א) אין שייכות מיט די לעצטענס נאטירטע פיל פאלען פון קראנק-ווערען אויף בויך-טיפוס, האט די סאניטאר[illegible] און די אדמיניסטראטיווע מאכט פערשארפט די אויפזיכט איבער'ן פערקויף פון די שפייז-ארטיקלען צום דירעקטען געברויך. עס זאלען אויך אויסגעפיהרט ווערען שטרענגע קאנטראלעס פון הויפען, בכדי פעסטצושטעלען, צי עס ווערען געהאלטען ריין די קלאזעטען, שמעטניקעס, טרעפען-גענג, א. א. וו.

גלייכצייטיג וועט אין די געוועלבער און קיאסקען אדורכגעפיהרט ווערען א סאניטאר-קאנטראלע, בכדי פעסטצושטעלען, צי עס ווערען אויסגעפיהרט די פארשריפטען וועגען פערקויף פון שפייז-ארטיקלען.

אמשטרענגסטען וועט די קאנטראלע נוגע זיין די סטראגאנעס, וואס פערקויפען אויבס. מען וועט אכטונג געבען, אז ברויט, פלייש, ווורשט א. א. זאלען נישט געפאקט ווערען אין אלטע צייטונגען, נאר אין געהעריגען ריינעם פא-פיר, ווי אויך, אז צוקערלעך, קעז א. ד. גל. זאל געהעריג פערדעקט ווערען פארן פערשטויבען זיך און בעשמוצט ווערען דורך פליגען.

די שולדיגע וועלען אדמיניסטראטיוו בע-שטראפט ווערען.

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1918

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1918

(א) מיט'ן 1-טען אויגוסט ה. י. הויבט זיך אן די מיליטערישע רעגיסטראציע פונ'ם יאהרגאנג 1918.

אויף די גאסען פון דער שטאט זענען שוין פונאנדערגעקלעבט געווארן מודעות, וועלכע ענט-האלטען דעם גענויעם פלאן פונ'ם שטעלען זיך צו דער מיליטערישער רעגיסטראציע, וועלכע וועט פארקומען אין די אמט-שעה'ן אין דעם מיליטע-רישען ביורא ביי דער לאדזער שטאט-פערוואלטונג.

די, וואס זענען זיך [illegible] דער מיליטערישער רעגיסטראציע, דארפען זיך שוין איצט בעזארגען מיט די געהעריגע דאקו-מענטען.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע דעם 14 אויגוסט

(א) דעם 14 ד. ח. אמטירט אין לאקאל אויף פיעטריקאווער 165 א צוגאב-פאבאר קאמיסיע פאר פ. ק. או. לאדז-שטאט 1.

עס דארפען זיך מעלדען די פאבאראווצעס פון יאהרגאנג 1915 און עלטערע, וועלכע האבען זיך לעת עתה נישט געשטעלט צו דער איבערזיכט, האבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-דינסט און וואוינען אויפן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9, און 11 קאמיסאריאטען און האבען בעקומען אויפפאדערונ-גען פון דער סטאראסטווע.

די שטרייק-בעוועגונג אין לאדז

(א) אין דער פאבריק פון דער פירמע פריי-דענבערג (קילינסקיעגא 210) איז אויסגעבראכען א שטרייק, צוליב דעם וואס ארבייטער האבען ארויסגעווארפען 2 ארבייטארינס, וועלכע האבען זיך נים סאלידאריזירט מיט [illegible] אין שלאגען אנדערע [illegible] 200 ארבייטער [illegible], נאכ'ן ארויס ווארפען די ארבייטארינס, אנגעהויבען אן'אקופא-ציע-שטרייק.

עס האט תיכף אינטערווענירט א פארשטע-הער פון קלאסען-פעראיין און, אין רעזולטאט פון די אדורכגעפיהרטע אונטערהאנדלונגען איז גע-לונגען דעם סכסוך צו לינדערן. די ארבייטארינס האבען בעקומען א פארוואורף, און דאן האבען די ארבייטער מסכים געווען אנצוהויבען די ארבייט, און די ארבייטארינס איבערלאזען ביי דער ארבייט.

* * *

[illegible] איז ליקווידירט געווארען דער שטרייק אין ליטראווסקי'ס פאבריק (פאמארסקא 58), וועלכער איז אויסגעבראכען צוליב'ן נישט אויס-צאהלען די אורלויב-געלדער.

דער שטרייק האט געדויערט איין טאג.

* * *

(א) די אונטערהאנדלונגען וועגען ליקווידירן ד'עם שטרייק אין באבאדס פאבריק (וואולטשאנסקא 234), וועלכער געדויערט עטליכע וואכען, האבען בלויז געגעבען א טיילווייזען רעזולטאט און דער שטרייק דויערט ווייטער. עס שטרייקען 250 אר-בייטער.

* * *

(א) אין דער פאבריק פון דער פירמע „שא-ניעווא" (בזשאזאווע 5) דויערט נאך אלץ דער אקופאציע-שטרייק פון אנ'ערך 100 ארבייטער.

* * *

(א) די נעכטיגע קאנפערענץ וועגען ליקווי-דירען דעם שטרייק אין שיפערס פאבריק (וואול-טשאנסקא 127) האט געגעבען א טיילווייזען רעזולטאט. די ארבייטער גייען איין אויף געוויסע הנחות, און עס איז צו האפען, אז די וואך וועט דער סכסוך ליקווידירט ווערען.

* * *

(א) 18 שטרייקענדע ארבייטער פון דער אלגעמיינער צאהל 24, וועלכע האבען געשטרייקט אין גאסטפריינדס פאבריק זענען מסכים געווען אויף אנולירען א טייל לוינען, וואס האט זיי גע-קומען. זיי האבען בעקומען אויסגעצאהלט די דיפערענץ און האבען פערלאזט די מויערן פון דער פאבריק.

די איבעריגע 8 געפינען זיך נאך אין דער פאבריק און פאדערן, מ'זאל זיי אויסצאהלען די פולע סומען.

* * *

(א) מיכאל קויפמאן, יהיאל-לייב צוקער (ביידע פון פראנציסקאנער 4) און חיים-נתן דייטש (דרעוונאווסקא 4) זענען נעכטען פערמשפט געווא-רען דורכ'ן סטאראסטווע געריכט צו 7 טעג ארעסט — פאר'ן אינטערווענירען בעת'ן שטרייק פון די הענטשקע-מאכער אין משה גאלדלוסטס ווארשטאט, וואו עס האבען געארבייט שטרייק-ברעכער.

פאביאניצער סעזאן-ארבייטער

דראהען מיט א הונגער-שטרייק

(א) די נעכטיגע קאנפערענץ וועגען ליקווי-דירען דעם אקופאציע-שטרייק פון די 1,100 סע-זאן-ארבייטער אין פאביאניץ, האט נישט געגעבען קיין רעזולטאט, ווייל די ארבייטער פאדערן, אז מ'זאל זיי נארמירען דעם לוין ביז צו דער מדרגה פון די לאדזער סעזאן-ארבייטער און צו בעשעפ-טיגען זיי 6 טעג אין דער וואך.

דאס ערשטע קאן נישט אדורכגעפיהרט [illegible] רען, ווייל דער לוין איז בעשטימט דורך ד[illegible] ראלע פונ'ם ארבייטס-פאנד, דאגעגען [illegible] זאגט געווארען נאכצוגעבען די צוו[illegible] וועגען ארבייטען 6 טעג.

די ארבייטער האלטען [illegible] זייערס און דראהען מיט א[illegible]

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" דיר. דוד צעלמייסטער.
לעצטע גאסטשפילען פון
פסח'קע בורשטיין
מיט'ן אנטייל פון באדיא קארעבלי און יעקב פישער.
היינט, זונטאג, 4.15 נאכם. (צו ביליגע פרייזען) און 9.15 אוונט
„דאס יונגעל פון בראדוויי"
(The Brodway Boy)
מיט א געקליבענעם אנסאמבל פון די בעסטע ארטיסט. כוחות. דיר. דוד ביינעלמאן.
אכטונג: דאס טעאטער איז ספעציעל ווענטילירט.
מארגן, מאנטאג—„א חתונה אין שטעטעל". פרייזן רעדוצירט
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

דער ריכטיגער באלעבאס

אז געשוואלען זאל איהם ווערען... די נאז!

(א) די פאליציי-מאכט האט פעראורדענט אנ'אויספארשונג נעגען לעאן וואיטשיק'ן — איינ-האבער פון א גרעסער ווורשט-פאבריק אויף בזשעזשינער 65, וועלכער וואוינט אליין אויף אנדזשייא 52.

וואיטשיק פערמאגט אין לאדז עטליכע ווארשט-מאגאזינען און ווארשט-געוועלבער, אין וועלכע ער בעשעפטיגט פרויען אלס עקספע-דיענטקעס.

אויסנוצענדיג זיין שטעלונג, אלס באלעבאס, האט ער געצוואונגען זיינע עקספעדיענטקעס צו לעבען מיט איהם..

די לעצטע האבען איהם געמסרט און פאלי-ציי האט איהם געהאט ארעסטירט.

מען האט איהם אבער ארויסגעלאזט, און [illegible] אויספארשונג.

ער איז נישט קיין שרייבער

(א) נעכטען בייגאכט איז ארעסטירט געווא-רען אויף גאוואמיעסקא 11 דער גנב יצחק-הערש קאסטער (בזשעזשינער 40) בעת ער האט ארויס-געקוועטשט א פענסטער אין אינקסענבורגס געוועלב, און האט זיך געקליבען „אפצורוימען" פון דארט די פיל-פעדערן.

איבערגעפאהרען

(א) אויף וואולטשאנסקא 144 איז דורך א מאטאציקל איבערגעפאהרען געווארען א געוויסען שלמה אורדינאנס (קאשטשעלנא 4).

ביי איהם איז צובראכען א פוס און צוק-ליעטשט דעם קערפער.

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון צייהן און יאסלעס
Piotrkowska 164 tel 114-20.

דאכט זיך, די רשימה שטימט נישט...

(א) לויט דער איצט צונויפגעשטעלטער רשימה פון דער סטאטיסטישער אפטיילונג ביי דער לאדזער שטאט-פערוואלטונג — א רשימה פון חיות — קומט אויס, אז די צאהל פערד אין לאדז איז שטארק געוואקסען, בעת אין גאנץ לאדז געפינט זיך איצט נישט קיין איין סתם-אייזעל אדער מויל-אייזעל — אפילו אויף א שמעק טאבאק.

שוין-ושוין האט דער סטאטיסטישער אמט אויסגעמיטען צו רעגיסטרירען די ענדעקעס?!

געוואלט פעררוכערט...

(א) אויף דער זגערזשער גאס האט א פא-ליציי-פאטרול פערהאלטען דעם 27-יאהריגען אדאם בולבאמשיק (אהן א בעשטענדיגען וואוין-ארט). מען האט איהם ארעסטירט אין דעם מאמענט, ווען ער האט אויפגעריסען א קיאסק מיט פאפיראסען וועלכער געהערט צו א געוויסען סטאניסלאוו בעד-נארעק

Dr. med. H. LUBICZ
צוריקגעקעהרט
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען
ציעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעלעפאן 141-32
עמפאנגס-שטונדען [illegible] 2-12 און 5-8 אינדער[illegible]

אויסגעלעגט צו קאנטראלירען די וואהל-ליסטעס

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס דעם היינטיגן טאג זענען אויסגעלייגט געווארן אדורכצוקוקן אין אלע קרייז-קאמיסיעס די וועהלער-ליסטעס, האט דער פארזיצער פון דער הויפט=קאמיסיע פראזעס וועקסילע מיטגעטיילט, אז די קאמיסיעס וועלן אמטירן דורך די גאנצע צייט, וואס די וועהלער-ליסטעס וועלן זיין אויסגעלייגט, ד. ה. ביז דעם 18 ד"ח איינשליסליך אין די שעה'ן פון 5 ביז 9 אוונט, אויך אין די חגאות. די הויפטקאמיסיע דאגעגען וועט אמטירן טעגליך ביז צום פערענדיגען די וואהלען אהן אונטערשיד פון יום-טוב אדער זונטאג פון 5 ביז 7 אוונט.

אין די דאזיגע שעה'ן דארפען זיך מעלדען די בעפולמעכטיגטע פון די ליסטעס, אדער די פאראינטערעסירטע פערזאנען, צו דער הויפטקאמיסיע פלאץ וואלנאששי 14.

* * *

בעזונדערע געזעלשאפטליכע און פאליטישע גרופירונגען פיהרען כסדר אנ'אינטענסיווע צוגרייטונג צו די וואהלען.

נעכטען זענען פארגעקומען אין א רייהע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס פערזאמלונגען אויף וועלכע עס איז בעשלאסען געווארן צו שאפען אייגענע קאמיטעטען מיטן אנטייל פון בעזונדערע גרופירונגען. ביז'ן נעכטיגען טאג האט קיין איינער פון די קאמיטעטען נישט אריינגעטראגען קיין ליסטעס, ווייל ווי עס ווייזט זיך ארויס זאמלען זיי נאך צונויף וועהלער אונטערשריפטען און פיהרען בעראטונגען פעסטצושטעלען קאנדידאטען לויט דעם סדר.

* * *

איז שייכות מיט דער אגיטאציע צו די וואהלען ווערען אויף די פלעטער אויפגעמאלט פערשידענע פארוואהל-לאזונגען, וואס איז אייגענטליך פערווערט, צוליב אזא אויסשרייטונג זענען צוגעצויגען געווארן צו פעראנטווארטליכקייט יוסף שארף גלובנא 6 און הערש גאלדבערג נארוטאוויטשא 21, וועלכע האבען געשריבען אויף די פלעטער. ביידע זענען פער'משפט געווארן דורכ'ן סטאראסטווא-געריכט צו 3 טעג ארעסט.

אימפאזאנטער מיטינג פון פ. פ. ס.
אנגענומען א רעזאלוציע וואס פאדערט איבערצורייסען דעם בונד מיט דייטשלאנד

אויפ'ן סטאדיאן פון ספארט-קלוב „ווידזעוו" איז נעכטען פארגעקומען א גרויסער מיטינג פון פ. פ. ס. אין מיטינג האבען זיך בעטייליגט איינינע טויזענט מאן. אויף דעם פלאץ זענען געווען אויסגעהאנגען טראנספאראנטען מיט די אויפשריפטען: „מיר פאדערן איבערצורייסען דעם בונד מיט דייטשלאנד", „מיר פאדערן ברויט און ארבייט" א. אז. וו.

צום מיטינג איז אויך געקומען דער געוו. דעפ. ניעדזיאלקאווסקי און עס האבען גערעדט א רייהע רעדנער.

צום סוף זענען אנגענומען געווארן רעזאלוציעס אין וועלכער עס ווערט ענערגיש געפאדערט איבערצורייסען דעם בונד מיט דייטשלאנד, עס ווערט פעסטגעשטעלט, אז אין דער דאזיגער פראגע איז פוילען אפגעשניטען געווארן פון ים. צום סוף ווערט געפאדערט די דימיסיע פון מיניסטער בעק.

אין דער צווייטער רעזאלוציע ווערט אויסגעדריקט סאלידאריטעט און ווערט איבערגעשיקט א בעגריסונג די שפאנישע ארבייטער וואס קעמפען מיט'ן פאשיזם און אין דער דריטער רעזאלוציע וואס בעציהט זיך צו די וואהלען איז אויסגעדריקט געווארן אין דער פארם פון א שבועה דער וואונש אז לאדז מוז זיין רויט, ביי'ם פארלייגען די דאזיגע רעזאלוציע האבען די פערזאמעלטע אויפגעהויבען די פויסט אין דער הויך.

גלייכשטעלונג

אין צוזאמענהאנג מיט דער נאטיץ פון פרייטאג'דיגען „נייעם פאלקסבלאט" וועגען דער עקסמיסיע אויף זשראמסקיעגא 9, ערקלער איך אז נישט אמת איז, אז די עקסמיסיע איז אויסגעפיהרט געווארן אויף דער אלטער פרוי ראבינאוויטש ווייל די פרוי ראבינאוויטש וואוינט שוין נישט דארט זייט א האלב יאהר, און שולדיג געבליבען פאר 5 יאהר דירה-געלד, די זעלבע פרוי האט מיט 2 יאהר צוריק עקסמיסירט איהר'ס א סובלאקאטארקע אויך מוז איך בעמערקען, אז די פולמאכטען איבער דעם הויז האט דער אדמיניסטראטאר ה' בערגער, און נישט גענוג וואס זי וואוינט שוין נישט דארט האט זי ביז דער לעצטער מינוט גענומען דירה=געלד פון דער סובלאקאטארקע, דאס איז דער אמת וועגען דער עקסמיסיע.

מיט אכטונג

אלטמאן, פאלודנאווא 15.

פון דער זומער=קאלאניע „נותן-לחם"

פאריגע וואך איז אויף דער זומער-קאלאניע פון „נותן לחם" ארויסגעפאהרען די לעצטע פארטיע קינדער. צוזאמען וועט פון דער קאלאניע גענאסען היי-יאהר 285 קינדערלעך (מיט 71 קינדערלעך מעהר ווי פאראיאהרען). די קאלאניע האט זיך היי-יאהר ווייטער זעהר פונאנדערגעבויט א דאנק די גרויסע נדבות, וואס מען האט אין שטאט בעקומען פון פערזאנען, וואס האבען די קאלאניע בעזוכט.

ה' קאנסול מאקס קאהן האט, א חוץ א גרויסער סומע געלד [illegible]

[illegible] ניטורען פאר יונגלעך און 40 פאר מיידלעך), אזוי ארום וועט שוין צום ביי'עם סעזאן בעזוכט ווערען אט די שוואכע זייט פון דער קאלאניע. [illegible]

[illegible] — ה' רובין, ד"ר קאן [illegible]

שטאט-טעאטער שרודמיעסקא 15 טעלעפאן: 101-16

צוליב דעם גרויסען ערפאלג, ווערען די פארשטעלונגען פערלענגערט נאך אויף עטליכע טעג.

אידא קאמינסקא

מיט איהר געקליבענעם אנסאמבל

היינט, זונטאג, 4 ביי טאג צו ביליגע פרייזען און 9.15 אוונט

„מאדאם X"

יעדער מוז דאס זעהן!

איילט אייך צו די לעצטע פארשטעלונגען.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון שטאט-טעאטער

אפטייקען.
היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען: ל. שטשעפ... (לימאנאווסקיעגא 37), ש. יאנקעלעוויטש (אלט... מארק 9), ט. סטאניעלעוויטש (פאמארסקא 91), א... בארקאווסקי זאוואדזקא 45), ב. גלובאווסקי (נארו... טאוויטשא 6), ס. האמבורג (גלובנא 50), ל. פאוו... לאווסקי (פעטריקאווער 307).

דערטרונקען געווארען, באדענדיג זיך

(א) אין דארף מאקרע פעטריקאווער קריי... איז באדענדיג זיך אין דער פיליציע דערטרונקען געווארען דער 48-יאהריגער באלעסלאוו בינסשיצקי דער קאסירער פון דער פעטריקאווער „אובע... פיעטשאלניע". פון וואסער האט מען איהם ארויסגעצויגען א טויטען.

אומגליקספאל מיט אנ'ארבייטער

(א) נעכטען איז אויף אלייע 1 מאי 17, בעת'ן ארבייטען ביי דער קאנאליזאציע, דער 37-יאהריגער ארבייטער סטאניסלאוו אראמסקי (פון ראווסקא 10) אריינגעפאלען אין קלאזעט=גרוב... און פערסם'ט געווארען פון די גאזען, אין א שווערען צושטאנד האט איהם פאגאטאוויע אפגעפיהרט אין שפיטאל.

ראדיא - פראגראם

זונטאג, דעם 9-טען אויגוסט

8 צייט-סיגנאל, 8.03 אגראר-צייטונג, 8.18 פליטען, 8.45 ידיעות, 9 גאטעס-דינסט, 10.30 קאנצערט אויס... פערלאנג, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.03 קאנצערט, 2.30 [illegible], 2.45 פעליעטאן, 3 מוזיק, 4 מוזיק (פליטען) 4.15 רעקלאמען - קאנצערט 7 [illegible] 7.40 קאמערעל-מוזיק, 8.25 [illegible] 8.40 [illegible], 8.50 ידיעות, 9 [illegible] 10.30 פליטען, 10.35 טאנץ-מוזיק.

KINO TEATR MIRAZ

היינט פרעמיערע!

פון גרויסען דאפעלטען פראגראם

— I —

[illegible]

לעבענס-דראמע. — אין דער הויפט-ראל

KAY FRANCIS

— II —

„קאריאקא"

אין דער הויפט-ראלע

DOLORES DEL RIO

אנהויב 4.30 נאכמיטאג.

ל. מלאר

דאן-דאמינגא

ראמאן

139

— וואס פאר א בריף?

— א יודישען.

— צו וועמען?

— אט דא.

— זאל מען אייך שרייבען?

— שרייבען.

סטעניאר קלמן האט גענומען דעם אדרעס, [illegible]

[illegible]

— איהר זענט א יוד?

[illegible]

(פארזעצונג קומט)

פּאַרק העלענאָוו שטעט

נאר איינמאל אין הונדערט יאהר!
א טעאטער-פארשטעלונג
אונטער'ן פרייען הימעל
וועט אויפטרעטען **שבת**, דעם 15-טען אויגוסט, 8.30 אווענד
אין פּאַרק העלענאָוו.
ס'וועט געשפּילט ווערן איינע פון בורשטיין'ס שטאַרקסטע אָפּערעטע
לייענט די ווייטערדיגע אַנאָנסען.

פסח'קע בורשטיין
וואס אזוינס???
בילעטען שוין צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי“.

פּראָצעס וועגן דער ערמאָרדונג פון דיר. פון „זופּו“ גאשעווסקי

וו אַ ר ש אַ, 8 (טעלעפאָניש)

היינט אין דער פריה האָט זיך אָנגעהויבען אין וואַרשאַווער קרייז-געריכט דער פּראָצעס פון שימיק, וועלכער האָט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק דערשאָסען דעם דירעקטאָר פון „זופּו“ גאשעווסקי. צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען 60 עדות. די פערטיידיגער האָבען אָנגעגעבען אַ גרע־סערע ליסטע פון עדות, וועלכע זיי האָבען גע־בעטען אַרויסצורופען. דאָס געריכט האָט אָבער מסכים געווען אַרויסצורופען עטליכע עדות פון דער פערטיידיגונג, צווישען זיי די פרוי פון אָנגע־קלאָגטען.

די אַדוואָקאַטען האָבען היינט אויף דער געריכטס-זיצונג בעטייט זייערע פאָרשלאָגען וועגען אַרויסרופען די עדות. די פערטיידיגער ווילען מיט דער הילף פון די דאָזיגע עדות געבען אַ בילד פון די פערהעלטענישען, וואָס עס הערשען אין די פערזיכערונגס - אינסטיטוציעס, פערהעלטענישען, וועלכע האָבען צוגעפיהרט, צו אַזאַ מאָרד.

דאָס געריכט האָט די פאָרשלאָגען פון די פערטיידיגער אָפּגעוואָרפען.

דער אָנגעקלאָגטער שימיק ווערט געמשפּט לויט'ן אַרטיקעל 255 פון שטראָף-קאָדעקס, וואָס דראָהט מיט טויט-שטראָף. ער ערקלערט, אַז ער בעדויערט זיין טאַט. ער איז געקומען קיין וואַרשאַ מיט דעם מיין נאָך אַמאָל צו בעטען און עווענטועל צו בעגעהען זעלבסטמאָרד. ער ווייסט נישט ווי־אַזוי עס איז געקומען צום מאָרד.

לויט'ן בעשולדיגונגס-אַקט האָט שימיק זיך בעמיהט, אַז מען זאָל איהם צוריק אָננעהמען אין דער איבערזיפיטשאַלניע. ער האָט געשריבען בריף צום אַרבייטס-מיניסטעריום, אין דער קאַנצעלאַריע פון מלוכה-פּרעזידענט. ווייטער ווערט אין בעשול־דיגונגס-אַקט אָנגעוויזען, אַז אין סאָסנאָוויץ האָט ער געדראָהט אַ הויז דעם ד"ר גאשעווסקי אויף דעם ד"ר רייס, פון וועלכען ער האָט געפאָדערט 500 זל.

מצד דער אלמנה פון דערהרגעטען ד"ר גאשעווסקי איז דורך דעם אַדוו. סקאָטשינסקי אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ ציווילע תביעה אין דער הויך פון איין זלאָטע.

דער אורטייל אין פּראָצעס וועט אַרויסגעטראָ־גען ווערען מאָנטאָג.

נאַציאָנאַלער בלאָק צו די קהלה-וואַהלען אין וואַרשאַ

וו אַ ר ש אַ, 8 (טעלעפאָניש)

היינט איז ענדגילטיג נאָמינירט געוואָרען דער נאַציאָנאַלער בלאָק צו די קהלה-וואַהלען. אין בלאָק זענען אַריין אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, אויסער די רעוויזיאָניסטען, דער סוחרים-פעראיין, קליינ־הענדלער און האַנדווערקער.

צוויי יאהר תפיסה

וו אַ ר ש אַ, 8 (טעלעפאָניש)

פאַר'ן קרייז-געריכט איז היינט געשטאַנען אַ געוויסער חיים קאַרפּענקאָפּ, וועלכער איז בעשול־דיגט געוואָרען, אַז בעת'ן פונאַנדערטרייבען אַ דע־מאָנסטראַציע געגען דער שחיטה-גזירה, האָט ער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי.

ער איז פערמשפּט געוואָרען אויף 2 יאָהר תפיסה.

פּאָליטישער מאָרד אין טשערנאָוויץ

ט ש ע ר נ אָ ו י ץ, 8 (ספּ. טעל.)

אַ גרויסען איינדרוק האָט דאָ געמאַכט די ערמאָרדונג אין שטעטישען פּאַרק דעם מיטגליד פון דער רעכטער יוגענד-אָרגאַניזאַציע, דער סטו־דענט גריגאָר. עס איז אויך שווער פערוואונדעט געוואָרען דער שילער פון ליצעאום לייפּאָס. די יוגענד וואָס איז פון דעם שטאַרק אויפגערעגט, פערזיכערט, אַז דעם מאָרד האָבען אויסגעפיהרט קאָמוניסטען.

אַ אויסלענדישער פּאַס אויף אַ חודש וועט קאָסטען 80 זלאָטעס

וו אַ ר ש אַ, 8 (טעלעפאָניש)

פון גוט-אינפאָרמירטע קרייזען גיט מען איבער אַז שוין אין די נאָהענטסטע טעג וועט פעסטגע־שטעלט ווערען דער פּרייז פאַר אַן אויסלענדישען חודש-פּאַס אויף 80 זל. דאַגעגען, וועלען נישט געמאַכט ווערען קיין ספּעציעלע שוועריגקייטען ביים בעקומען געוועהנליכע אויסלענדישע פּעסע.

נפטר געוואָרען דער באַיאַנאָווער רבי

וו י ע ן, 8. (יט"א טעל.)

היינט איז דאָ נפטר געוואָרען אין עלטער פון 88 יאָהר דער באַיאַנאָווער רבי הרב מנחם פרידמאַן. דער פערשטאָרבענער איז קראַנק געווען אויף נירען און איז געשטאָרבען אין ראָטשילד שפּיטאָל.

די לויה וועט פאָרקומען זונטאָג אויף דעם ווינער בית עולם.

שעף פון פראַנצויזישען גענעראַל-שטאַב קומט קיין וואַרשאַ

וו אַ ר ש אַ, 8 (טעל.)

אין דער נאָהענטסטער צייט, נאָך אין משך פון לויפענדען חודש קומט קיין פּוילען מיט אַ וויזיט דער שעף פון פראַנצויזישען גענעראַל-שטאַב און וויצע-פּרעזידענט פון העכסטען קריגס-ראַט גענעראַל גאַמעלען.

אין משך פון די פּאָר טעג, וואָס גענעראַל גאַמעלען וועט פערבלייבען אין פּוילען, וועט ער זיין דער גאַסט פון גענעראַל-אינספּעקטאָר פון דער אַרמעע גענעראַל רידז-שמיגלי.

מלוכה-פּרעזידענט בענעש

וועט שטיצען די רעכטע פונם א"י יודענטום און פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע

פּ ר אַ ג, (יט"א טעלעגר.)

דער טשעכאָסלאָוואַקישער מלוכה פּרעזידענט ד"ר עדוואַרד בענעש האָט היינט אויפגענומען אויף אַן אויס-שעה'דיגער אוידיענץ די אגודה-פיהרער די ה"ה יעקב ראָזענהיים, א. ה. גורמאַן און הרב האָראָוויץ (א"י). די דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבען דעם מלוכה-פּרעזידענט די הולדיגונגס-אויס־דרוקען אין נאָמען פון יודישער אָרטאָדאָקסיע, דאַנקענדיג פאַר דער גליכבערעכטיגונג פון דעם יודענטום אין טשעכאָסלאָוואַקיי. די דעלעגאַציע האָט געבעטען דעם פּרעזידענט בענעש ער זאָל בעזונדערס נעמען אין שוץ די רעכט פון דעם א"י-יודענטום אויף דעם יסוד פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע.

Dr. med. **L. Berman**
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07
ספּעציעל-אַרצט פאַר מענער - שוועכע-בע האַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָווענד.
זונטאָג פון 9—1 פאַרמיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזען

Dr. med. **Trepman**
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט-קראַנקהייטען.
בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע.
זאַוואַדזקאַ 6, טעל. 234-12
נעמט אָן פון 8–11 נאָכמ. און פון 6–8 אָווענד

צוויי חברטעס

(ענדע פון דער 7-טער זייט)

געוואוינט מיט איהר מאַן אין בערעזאָווקע, מאָהלי־ווער גובערניע, וואו איהר מאַן האָט זיך געמאַכט אַ שניידערישע „מאַסטערסקאַיאַ“ און אַזוי ווי זי האָט זיך דאָהט נישט שלעכט איינגעפונדעוועט איז זי געקומען אָפּנעהמען איהר קינד, דעם יונגעלע, וואָס איז שוין דאַן אַלט געווען צעהן יאָהר.

ווען אברהם (אַזוי האָט דאָס יונגעלע געהייסען) איז אַלט געוואָרען זיבען יאָהר און האָט שוין געהאַט גענוג שכל צו פערשטיין, האָ טאַיהם צירעל דער־ציילט דעם גאַנצען אמת, ווער ער איז און ווי אַזוי ער קומט צו איהר. דערפאַר, ווען שפּרינצע האָט זיך איצט צו איהם דערקענט אַלס זיין מוטער, האָט ער דאָס שוין געהאַט געוואוסט פון פריהער און פאַר איהם איז דאָס נישט געווען אַזאַ גרויסע איבער־ראַשונג.

איצט האָט שפּרינצע גענומען איהר זוהן און האָט איהם אַהיימגענומען צו זיך, קיין בערעזאָווקע, און צווישען די ביידע חבר'טעס האָט זיך ווידער־אַמאָל בעניייט די פריינדשאַפט, אָבער שוין דורך בריף.

ביידע קומען קיין אַמעריקע

שפּרינצע האָט גראָד צוגערעדט צירלען, אַז זי זאָל זיך מיט איהר קינד אריבערציהען קיין בערע־זאָווקע, וואו זיי וועלען ווידער זיין צוזאַמען, אָבער צירעל האָט נישט געוואָלט, זי האָט געהאַט אין מי־ראַן אַ קרעמעל, פון וואַנען זי האָט געצויגען דאָס שטיקעל חיונה, האָט זי זיך נישט געוואָלט צעברע־כען און איז געבליבען ווייטער וואוינען אין מיראַן.

און ביידע חבר'טעס האָבען זיך בעגעגענט נאָר מיט בריף.

די זוהן אין הימעל דערוויל שטייט נישט און דרעהט זיך און דרעהט זיך, ביז עס גייען אַוועק יאָהרען, און צירעל מיט שפּרינצען קומען אין אַמע־ריקע מיט זייערע פאַמיליעס.

שפּרינצע קומט נאָך דער מלחמה אין יאָהר 1923 און בעזעצט זיך אין נוי-יאָרק. איהר מאַן איז אַ שניידער נאָך פון דער היים, בעראַרבט ער זיך דאָ נישט אַזוי פּלאָגען, ווי אַן אַנדערער „גרינער“, און עס גייט איהם פּאָרג אַרויף.

שפּרינצע האָט אַ חוץ אַברהם'ען, נאָך צוויי קינ־דער, און זי שיקט זיי אַלע דריי לערנען און דאָס לע־בען ביי שפּרינצען גייט ווי אַ מזמור.

צירעל ווידער, קומט אויך קיין אַמעריקע מיט איהר פאַמיליע (אין יאָהר 1926) און איהר גערהט פונקט קאַפּויר.

צירעל האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט, אָבער איהר מאַן האָט נישט געהאַט קיין שום מלאכה אין האַנט, און איהם אין אַמעריקע געטאַנגען באָרג־צראַפּ און ס'האָט איהם געטראָגען קוים אויף ברויט.

צירעל האָט מיט איהר מאַן געהאַט נאָר איין קינד, אויך אַ מיידעל, האָט זי שוין געהאַט צוויי מיידלעך: זענען די ביידע מיידלעך אין אַמעריקע געגאַנגען אַרבייטען. עס רעדט זיך נאָר אַזוי „אַר־בייטען“: זיי האָבען מעהר געזוכט אַרבייט, ווי גע־אַרבייט און עס פערשטעהט זיך, אַז זיי האָבען זיך אין אַמעריקע גענוג געפּלאָגט און די קעפּ זייערע זענען נישט געווען ביים לערנען.

זענען טאַקע צירעלס צוויי מיידלעך געבליבען אין אַמעריקע פּשוט'ע אַרבייטער מיידלעך, אָבער דערפאַר זענען זיי ביידע געוועזען שעהן ווי גאָלד. אי־בערהויפּט די עלטערע מיכחל (וואָס צירעל האָט געהאַט פון איהר ערשטען מאַן) איז גאָר געווען אַ גאָלדענע צורה.

אין אַמעריקע זענען זיך דערוויל ציחל מיט שפּרינצען צוזאַמענגעקומען און זענען געוואָרען נאָר נאָהענטע פריינד.

דערוויל, צו מאַכען אַ לאַנגע געשיכטע קורץ, וועלען מיר אויך דערציילען, וואָס עס האָט ווייטער געטראָפען: שפּרינצעס זוהן (אברהם), אַ געענדיג־טער דראַגיסט, האָט זיך עטליכע מאָל געטראָפען מיט צירעלס טאָכטער רעי (אויף יודיש: רחל) און זי איז איהם, ווייזט אויס, זעהר געפעלען געוואָרען, ווייל איידער וואָס ווען, איידער ער האָט נאָך גע־זאָגט חתונה דעם זיינע עלטערען, איז ער שוין גע־קומען צו צירלען און האָט ביי איהר געבעטען די הסכמה חתונה צו האָבען מיט רעי'ען.

פון רעי'ען איז אָפּגעשמועסט, — רעי'ען האָט ער זיך נאָך פריהער דערקלערט אין ליבע און ווען זי האָ טאַיהם געזאָגט „יאָ“, איז ער דאַן געגאַנגען צו רעי'ס מאַמען און ווען זי האָט איהם אויך גע־זאָגט, אַז זי איז צופרידען איז איהם איבערגעבלי־בען איין קלייניגקייט צו טון: אַהיימצוגעהן צו זיין מאַמען, צו שפּרינצען, און איהר חתונה'צעהלען די גאַנצע געשיכטע — און ווי זאָגט איהר? די מאַמע זיינע וועט איהם דען שטערען אין אַזאַ זאַך?...

פערקערהט, זי וועט נאָך מסתם זיין צופרידען, אַזוי זאָגט איהר און אַזוי זאָגען מיר אַלע.

אָבער, ליבער לעזער, איהר וועט מוזען לייד־ווערען ענטוישט, ווען איהר וועט הערען, וואָס אברהם'ס מאַמע שפּרינצע האָט געענטפערט איהר זוהן, ווען ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער האָט ליב רעי'ען.

— מאַך זיך נישט נאַריש, מיין זוהן. רעי איז אַן אָרימע מיידעל, זי איז נישט פאַר דיר.

...דאָס איבעריגע איז שוין נישט וויכטיג. פון ביידענס ליבע איז גאָרנישט געוואָרען, ווייל שפּרינצע האָט שוין נאָך דעם איבערגעריסען איהר פריינד־שאַפט מיט איהר חבר'טע צירלען און ס'איז שוין אין דריטען דאָ עטליכע יאָהר, אַז ביידע חבר'טעס זענען ברוגז און רעדען נישט איינע צו דער אַנדערער אַי וועט איהר פרעגען:

— אַזוי האָט עס שפּרינצע בעצאָהלט איהר אַמאָ־ליגער חבר'טע, וועלכע האָט צוליב איהר, איהרע בעסטע יאָהרען פערשפּילט? זענט איהר טאַקע גע־רעכט, אָבער דאָס איז דער אמת.

יודיש טעאַטער אין אָדעס, קיעוו, מאָסקווע און בירא-בידזשאַן

(ענדע פון דער 6-טער זייט)

אַלע האָבען זיך געמיהט צו לייסטען דאָס בעסטע נאָר ס'איז דאָך נישט די שולד פון יודישע שוישפּי־לער, וואָס זייערע מיטעלאַלטערליכע ענגלענדער זענען אַרויסגעקומען קנאַפּ אַנגלאָ-זאַקסיש. אפילו די צוויי אויסגעצייכענטסטע אַקטיאָרען — מיכאָ־עלס אַליין, און דער „פערדינסטפולער אַקטיאָר פון דער רעפּובליק“, וו. זוסקין, — זענען אין דעם פאַרט נישט געווען קיין אויסנאַם.

מיכאָעלס האָט געשפּילט „קעניג ליער“, אינ־גאַנצען אין דער שעקספּיר'שער טראַדיציע. זיין אַר־בייט אויף דער ביהנע האָט אָפּגעשפּיגעלט פלייס און פערטיפונג. דער פּאַטאָס איז אָבער געווען פון עכט קלאַסישען אַקטיאָר'שען סאָרט.

זוסקין האָט געשפּילט דעם „הויף נאַר“ זעהר לעבעדיג, שוין אַביסעל צו לעבעדיג. די ראָלע לאָזט זיך „איבערשפּילען“ און ער איז פאַרט נישט מעהר ווי אַן אַקטיאָר, וואָס יועט נישט דורכלאָזען אַ מעגליכקייט צו כאַפּען אַביסעל איבעריגע אַפּלאָדסמענטען פון אַ נאַאיווען עולם.

אין בירא בידזשאַן האָב איך געזעהען י. ל. פּרץ'עס איינאַקטער „ס'ברענט“ און צוויי ס. וו. ע. ישעס פּראָפּאַגאַנדע פּיעסעלעך — „אַכצעהן ביי דרייצעהן“ און „זעקס ליבע מענשען“.

די גאַנצע טרופּע בעשטעהט פון יונגע אַקטיאָרען. פיל פון זיי האָבען געהאַט ווייניג ביהנע-דער־פאַהרונג, זינט זיי זענען אַרויס פון דראַמאַטישע טעכניקומס זיי פערמאָגען אָבער דעם חן פון יוגענט און ברענען מיט טעאַטער-פיבער.

פערהאַן אין דער בירא-בידזשאַנער טרופּע אַן אַקטריסעלע, ערשט פון דראַמאַטישען טעכניקום, ל. י. קאַלינאַ, וואָס וועט גיך בעריהמט ווערען, זיי האָבען אויך עטליכע יונגע מענער, כאַראַקטער־שוישפּילער, וואָס וועלען שטעלען דעם בירא-בידזשאַנער אַנסאַמבעל אין דער ערשטער שורה פון יודישע טעאַטערס.

Dr. med.
HALTRECHT
ספּעציעל-אַרצט פאַר הויט,-געשלעכטס קראַנקהייטען און מענער-שוועכע
האָט זיך איבערגעצויגען און נעמט אָן
פּעטריקאָווער 161 טעל. 245-21
פון 11 פריה ביז 3 ביטאָג און פון 7 ביז 9 אָווענד
זונטאָג פון 8—1 ביטאָג.
פאַר פרויען אַ בעזונדער וואַרטע-זאַל
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזען

טעאַטער, מוזיק און פערוויילונג
(קאָמוניקאַטען)

רעקאָרד - ערפאָלג פון „דאָס יונגעל פון בראָדוויי“ מיט פּסח'קע בורשטיין אין „ראָזמאַיטאָשטשי“

ווי ס'איז געווען פאָראויסצוזעהן, איז די נייע פּרעמיערע „דאָס יונגעל“ פון בראָדוויי“, וואָס איז פרייטאָג אָווענד געשפּילט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין לאָדז, אין „ראָזמאַיטאָשטשי“ טעאַטער מיט פּסח'קע בורשטיין אין דער הויפּט-ראָלע, אַראָפּ מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. די דאָזיגע אָפּערעטע — ריין און מוזיק, פער־מאָגט אַ סענסאַציאָנעלען אינהאַלט און האָט אַ שלל פון הומאָר.

היינט זונטאָג צוויי פאָרשטעלונגען 4.15 נאָכמ. און 9 אָווענד. עס ווערט געשפּילט „דאָס יונגעל פון בראָד־וויי“. נאָכמיטאָג פּרייזען — רעדוצירטע.

אידאַ קאַמינסקאַ'ס לעצטע פאָרשטעלונגען אין „מאַדאַם איקס“ דינסטאָג פּרעמיערע פון „מוטערשאַפט“

די אויסגעצייכענטע פאָרשטעלונג „מאַדאַם איקס“, ווערט געשפּילט היינט און מאָרגען צום לעצטען מאָל. היינט ביטאָג ווערט געגעבען די לעצטע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון „מאַדאַם איקס“. עס איז דעריבער פּראָ־אויסצונוצען די געלעגענהייט צו זעהן די סענסאַציאָנעלע פאָרשטעלונג.

שוין דינסטאָג וועט אידאַ קאַמינסקאַ מיט איהר אַנסאַמבל בעווייזען זיך אין אַ גאָר נייער פּיעסע און ראָל און דאָס איז וו. ווינטשעווסקי'ס „מוטערשאַפט“. די דאָזיגע פּיעסע פערמאָגט אויסער אַ איבערראַשענדער און פיל מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג אינהאַלט, אַ טיפע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזע פון די הויפּט-געשטאַלטען „מו־טערשאַפט“ וועט אגב זיין די פאָרלעצטע פּרעמיערע פון אידאַ קאַמינסקאַ, וועלכער וועט אין דער קורצער צייט פון איהר שפּילען אין לאָדז בעווייזען צו געבען נאָך איין פּרעמיערע.

היינט גרויסע פאַרטען-פערוויילונג לטובת דער נאַכט-פּאַגאַטאָוויע ביים „לינת הצדק“

היינט, דעם 9-טען אויגוסט ד. י. קומט פאָר אין העלענאָוו אַ גרויסע גאַרטען-פערוויילונג מיט'ן אָנטייל פון דער בעקאַנטער פּאָלקס-זינגערין לאָלאַ פּאָלטאַן.

3 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אַ קינדער-פעס־טיוואַל אָנגעפיהרט דורכ'ן בעקאַנטען אַרטיסט פון פּוי־לישען טעאַטער יאַן מראָזשינסקי.

אויסערדעם פיל איבעראַשונגען.

ס'איז צו האָפען, אַז די יודישע בעפעלקערונג וועט וואַרעם אונטערשטיצען די אַזוי סימפּאַטישע אינסטיטו־ציע און מאַסענווייז בעזוכען די גאַרטען-פערוויילונג.

פּוילישע אָפּערעטע פון פּאָזנאַן אין שטאָטישען טעאַטער

די פּוילישע אָפּערעטע פון פּאָזנאַן וועט דעם 14, 15 און 16 אויגוסט גאַסטראָלירען אין שטאָט-טעאַטער. עס וועט געשפּילט ווערען די אָפּערעטע „ראָזע מאַריע“.

Dr. REICHER
פּאָלודניאָוואַ 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער - שוועכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פון פּסיכאָ - אַנאַליזע
נעמט אָן פון 8—11 פון 5—8 אָווענד.
זונטאָג און חגאות פון 9—12.

KONSUM PRZY WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE S.A.

עמפפעהלט א גרויסע אויסוואהל פון

מענער-, קינדער- און ספארט-העמדער

צו רעוועלאַציאַנס-בילליגע פרייזען. מיר שיקען איבער פאסט-פאקעטען קיין פּ א י ע ט-ר ו ס ל א נ ד אויפ'ן גרונט פון

א ספּעציעלען אפּמאך מיט דער פּאָרשטעהערשאפט פון ז.ס.ס.ר. אינפאָרמאַציעס אויפ'ן אָרט.

לעקומשינער 54. צופאַהר מיט די טראמוואַיען 10 און 6.

בעקאַנטמאַכונג.

רערמיט מאַכען מיר בעקאַנט אונזער ג' קונדשאַפט, אַז פון 15 מאַי ד.י. איז אונזער

מעבעל-געשעפט

מיט אַכטונג

און מיר עמפּפעהלען זיך ווייטער אונזערער ג' קונדשאַפט.

מיר בעזיצען אויף לאַגער די נייעסט-מאָדערנסטע מעבעל.

מיר מאַכען אויפמערקזאַם, אַז אויסער די דערמאַנטע צוויי אינהאַבער פון דער פירמע האָט מעהר קיינער קיין שום שייכות נישט צו אונזער געשעפט און איז נישט בעפולמעכטיגט אַנצונעמען בעשטעלונגען

אין אונזער נאָמען. קומט און איבערצייגט אייך

איבערגעטראַגען געוואָרען פון פעטריקאווער 6 אויף

זשגאַווסקאַ 2

טעל. 143-08

NASIELSKI i MARKOWICZ

בעמערקונג: וועהניגער מאָדערנע מעבעל מיט 50 פראָצענט ביליגער

קלאַנג-קינא

CAPITOL

זאַוואַדזקאַ 16

היינט און פאלג. טעג

גרויסער אוננעוועהנליכער פילם א. נ.

די העלד האָבען זיך פערשוידיגט

אין די הויפט-ראָלען: LJONELL BARRYMORE i KAY FRANCIS

אויסער'ן פּראָגראַם: הלאַנג-צוגאָבען

איבערציהונגען און עקספּעדיציעס נאך

ארץ-ישראל

איז געזאַמעלטע וואַגאָנען ערלעדיגט

שנעל און פּינקטליך צו מעסיגע פּרייזען

„POLSKI LLOYD" Sp. Akc.

oddział w Łodzi Narutowicza 13

tel. centrala: 250-15.

פערטרעטונג:

Palestine Shipping Co. Ltd.

Palestine and Egypt Lloyd Ltd.

קליינע אנאנסען

1 זלאָטי אנ'אַנאַנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

פערשידענעס

איך קען אויסלערנען א ... נייהען אויף אַנ'אַבערלאַק אָדער א נייה-מאַשין סוויטערס, צו ערפ... זגערזשער 28 וו. 39.

MOTORY

elektr.

...ZYJNE używane i nowe po ce... najniższych Przełączniki gwiazda ...at i rozruszniki własnego wyrobu WARSZTATY REPERACYJNE, ...wijanie maszyn. Instalacje elektr. Reklamy neonowe.

...ż. J. Reicher i S-ka, Łódź ...łudniowa 28, tel. 21-000.

אכטונג שטריקער-מייסטער איך ... אן אויף לוין אויף א 6/80 ספעצ... פראנג בעסערע ארבייט קילינסקיעגא ... וו. 27.

2 magle ręczne wraz z lokalem ... odstąpienia ... 28 p. Strzelców Kaniowskich 3.

Zaginął kwit kaucyjny z Elek... ...i Łódzkiej r. 31904 z dn. 30.X.25. ...l. 10.— na imię Jakób Dawid Laj... ...wicz przy ul. Zgierskiej 14.

דאס ביליגסטע יודישע אפטיק-געשעפט

„OPTICUM"

28 פּיעטריקאָווער 28

בעזיצט אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַל פון פערשידענע ברילען, בינאָקלען, אלערליי צילינדער-גלעזער. ... בינירטע גלעזער. טערמאָמעטערס.

אלעס צו די ביליגסטע פרייזען

פּ'נערן אויף אויסגעפיהרט זעמטל. רעצעפטען פּינקטליך און רעעל. — געדענקט די אדרעס!

עס ווערען אָנגענומען אלע אַרט רעצעפטן פון די ה"ה דאָקטוירים.

פרייע פּאָסטענס

עס ווערט געבויכט א פּרעסער צו סוויטערס אויף קאַמיענגאַ 5, רעכטע אָפיצינע, 1-טער איינגאַנג, 3 שטאָק.

עס ווערט געזוכט א שפּולער אויף האַנד, געווינשען מיט אַנ'אייגען רעדעל. צו ווענדען זיך מאָנטאָג, צו ראזמאַרי אַנראַדאַווע 9.

איך זוך א קוואַליפיצירטע זייד-טרייבערין, ס'קען אויך זיין אַנ'אָנפענגע-רין. אָפּערטען אונטער „טרייבערין".

נויטיג א קוואַליפיצירטער גזעלען צו מענער-בעשטעלס. צו ווענדען זיך ביי Żydowska 6 front 2 piętro פּאַטאַשעק

ס'ווערט געזוכט א אָנגעשטעלטער ביי פּאַפּיר-בראַנזשע און א שיק-יונגעל. צו ערפאַהרען פּלאַץ וואָלנאָשטשי 6. ראָזענפעלד.

ראַקאָלעז

א סובלאָקאַטאָר ווערט געזוכט צו א שטוב מיט א בעזונדערען איינגאַנג פּילסודסקיעגאַ 43, וו. 18.

א פרוי אין די מיטעלע יאָהרען זוכט א קליין צימער ביי אַנ'אינטעלי-גענטער פאַמיליע. צו ערפאַהרען פּאָמאָר-סקאַ 29, פּאָלאַנסקאַ.

א ליפטיג גרויס צימער אָפּצוגעבען צו שלאָפען פאַר 1 אָדער 2 פּויליינס, עס קען אויך זיין צו דער אַרבייט. צו מעלדען זיך יודישע גאַס 7, וואהנ. 32 ביז 7 אָוועגד.

א צימער מיט בעקוועהמליכקייטען פאַר 2-3 הערן זאָפאָרט צו פּערמיטען. ציגעל-גאַס 13, וו. 11.

Administrator zdolny

energiczny przyjmie kilka domów w zarząd, prowadzi samodzielnie wszelkie sprawy sądowe, skarbowe i t. p. Na żądanie mogę złożyć kaucję. Tel 111-56 lub oferty sub 'Zdolny' do adm. „Najer Folksblatt".

N. Singer

Zachodnia 36, tel. 229 90

Rutynowany

BUCHALTER-BILANSISTA

prowadzi księgi handlowe wszystk systemów z gwarancją za uznanie. Organizuje, Rewiduje, Bilansuje.

SZWACZKI

wyspecjalizowane przy konfekcjonowaniu potników, znajdą pracę. Adres poda biuro ogłoszeń Fuchsa, Piotrkowska 87.

DR.

MICHAŁ URBACH

נערוועז און אינערליכע קראַנק-הייטען און פיזיקאַלישע טעראַפּיע

נעמט אָן פון 1–2 און פון 5–7 נאָכמ.

Zawadzka 15 m. 6 tel. 148-83

DR.

S. Kantor

ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען (מענער-שוואַכע)

90 פּיעטריקאָווער 90

טעל. 129-45

נעמט אָן פון 8—2 נאָכט. און פון 6—9 אָוו.

Dr. med. Niewiażski

ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפילים און הויט - קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער - שוואַכע

אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40

פּראָנט, 1טער שטאָק

נעהמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוועגס זונטאָג און יום טוב פון 9-1 נאָכמיטאָג. ספּעציעלער וואַרטע - זאל פאַר פרויען

Lekarz Dentysta

Jakób Botwinik

נעמט אָן טעגליך פון 10 ביז 3 נאָכמ. אין דער לעטשניצע „פּאָמאָץ" רוג זגער-זשער און לימאַנאָווסקיעגאַ 1, טעל. 101-29 און פון 4—10 אָוועגד אויף נאָרוטאָ-וויטשאַ 13. —::— צוגענגליכע פּרייזען פאַר אַרבייטסלאָזע — הנחה.

Dr. B.Hurwicz

Choroby skórne i weneryczne

Piotrkowska 10

נעמט אָן פון 8-11 און פון 5—9 אָוו. זונטאָג און יום-טוב - פון 8—1 בייטאָג.

Wybory do Rady Miejskiej

Obwieszczenie.

Na podstawie § 12 rozporządzenia Ministra Spraw Wewnętrznych z dnia 30 marca 1934 r. w sprawie regulaminu wyborczego do rad miejskich (Dz. U. R. P. Nr. 29, poz. 259), zmienionego rozporządzeniem z dnia 28 maja 1936 r. (Dz. U. R. P. Nr 45, poz. 331), Główna Komisja Wyborcza podaje do powszechnej wiadomości, iż miasto Łódź zostało podzielone na 10 okręgów wyborczych i 203 obwody głosowania.

Lokal Głównej Komisji Wyborczej: Plac Wolności Nr. 14 (I piętro – pokój Nr. 19), telefon 248-10.

Godziny urzędowania Głównej Komisji Wyborczej od godz. 17 do godz. 19.

Ostatnim dniem zgłaszania list kandydatów na radnych jest dzień 3 września 1936 r.

Liczba wyborców uprawnionych do zgłoszenia listy kandydatów w każdym okręgu wyborczym: conajmniej 300 wyborców.

Spisy wyborców będą wyłożone w lokalach 10 Okręgowych Komisyj Wyborczych w czasie od 9 do 18 sierpnia 1936 r. codziennie w godzinach od 17 oo 22.

Ilość mandatów w poszczególnych okręgach i adresy Okręgowych Komisyj Wyborczych:

Okręg Nr. I —	posiadający	9 mandatów	— ul. Wspólna 5/7
„ „ II —	„	5 „	— ul. Narutowicza 65
„ „ III —	„	6 „	— ul. Rokicińska 41
„ „ IV —	„	6 „	— ul. Kilińskiego 104 (Miljonowa 25)
„ „ V —	„	8 „	— ul. Podmiejska 21
„ „ VI —	„	4 „	— ul. Kątna 17
„ „ VII —	„	8 „	— ul. Al. 1 Maja 87
„ „ VIII —	„	8 „	— ul. Limanowskiego 124a
„ „ IX —	„	7 „	— Pl. Wolności 14
„ „ X —	„	11 „	— ul. Sienkiewicza 46

W czasie wyłożenia spisów każdy mieszkaniec m. Łodzi: 1) może przeglądać spisy wyborców i czynić odpisy; 2) ma prawo wnosić poparte odpowiedniemi dowodami reklamacje z powodu pominięcia jego samego lub kogokolwiek innego w spisie wyborców oraz przeciwko wpisaniu osoby nieuprawnionej do głosowania. Reklamacje należy zgłaszać na piśmie lub ustnie do protokółu; przesyłanie pocztą jest wyłączone od decyzyj Okręgowych Komisyj Wyborczych w sprawach reklamacyi nie służy odwołanie.

Uwaga. W okresie sprawdzania spisów wyborców na każdym domu będzie wywieszona kartka, wskazująca do jakiego okręgu wyborczego należą mieszkańcy danego domu. —

Łódź, dnia 8 sierpnia 1936 roku.

Za Główną Komisję Wyborczą
Przewodniczący
(—) **O. WECSILE**
Wiceprezes Sądu Okręgowego.

Dr. J.LUBICZ

כירורג און ארטאפּעד

צוריקגעקעהרט.

9 פּאַלודניאָווע 9

אָרדינירט אויך איז וווישניאָוואַ-גורא

ווילאַ אַגינסקי.

לעטשניצע

פאַר וועגערישע-קראַנקע

מענער - שוועכע און הויט-קראַנקהייטען

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

45 פּיעטריקאָווער

טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אָוועגד.

פרויען און קינדער נעמט אָן א פרויִדאָק־טאָ פון 11-1 און פון 5-7 אָוועגד.

א בעראַטונג 3 זל.

לעטשניצע

פאַר וועגעריש קראַנקע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1

טעל. 122-73

טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוועגד.

וועגעריש-קראַנקע, מענערשוועכע און הויט-קראַנקהייטען אַנאַליזען פון בלוט און אורין

די פערהיטונגס-סטאַציע איז טעטיג א גאַנצען מעת לעת

פאַר פרויען א ספּעציעלער וואַרטע-זאל

א בעראַטונג 3 זל.

Dr. med.

M. JAKOBSON

כירורג

ביינער-כירורג-ספּעציאַליסט

D-ra Sterlinga 22 (Nowa-Targowa) tel. 174-42.

Ze wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub. Redaktor odpowiedzialny: Chanon Kaufman.
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.